STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11688

DI ONHOYBN FUN DER EMIGRATSYE UN KOLONIZATSYE BAY YIDN IN 19-TN YORHUNDERT

Jacob Lestschinsky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב לעשצינסקי

די אנהויבן פון דער עמיגראציע און קאלאניזאציע ביי יידן אין 19־טן יארהונדערט

יידישע ביבליאטעק

בערלין 1929

פאַרלאַג „עמיגדירעקט“

Lutze u. Vogt GmbH, Berlin SW 48

עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע זיינען געוואָרן צוויי דערשיינונגען אין יידישן לעבן, אַרום וועלכע ס'פירן זיך שוין לאַנגע יאָרן ברייטע דיסקוסיעס און אויף וועלכע פּאָליטישע ריכטונגען פון זייער פאַרשיידענעם אינהאַלט בויען די צוקונפט פון יידישן פאָלק. ניט געקוקט אויף דער קאָלאָסאַלער ראָלע, וואָס די דאָזיקע דערשיינונגען האָבן געשפּילט די לעצטע הונדערט יאָר אין יידישן לעבן, און אויף דער וויכטיקייט, וואָס ס'ווערט זיי צוגעגעבן פאַר אונזער צוקונפט, זיינען זיי דאָך עד היום זייער שוואַך אויסגעפאָרשט און נאָך שוואַכער באַלויכטן. נאָר אויב איבער די גרויסע עמיגראַציע=כוואַליעס פון די לעצטע פופציק יאָר קאָן מען נאָך געפינען אַ פּאָר ביכער און אויך אַ פּאָר ווייטלאַך אין אונזערע אַלגעמיינע געשיכטס=ביכער, איז וועגן די התחלות פון דער יידישער אויסוואַנדערונג און פון די איבערוואַנדערונגען, וועלכע האָבן זי באַגלייט, ווי אויך וועגן די קאָלאָניזאַציע=פּראָבעס אין דער תקופה פון דער עמיגראַציע=התחלה ממש גאר ניטאָ. און אפילו דער יידישער אינטעליגענט, שוין אָפּגערעט פונם מאַסן=מענטשן, איז נוטה צו גלויבן, אַז די יידישע אויסוואַנדערונג הויבט זיך אָן נאָך די פּאָגראָמען פון די אַכציקער יאָרן און די קאָלאָניזאַציע=באַוועגונג הויבט זיך אָן מיטן גרינדן פון די יידישע קאָלאָניעס אין ארץ=ישראל און אַרגענטינע. אַ פּרוּוו צו וואַרפן אַ שטיקל שיין אויף די אָנהויבן פון די יידישע וואַנדערונגען אין 19=טן יאָרהונדערט און אויף דער ווירקונג, וואָס די דאָזיקע וואַנדערונגען האָבן געהאַט אויף דער אַנטוויקלונג פון יידישן געזעלשאַפטליכן געדאַנק, שטעלט מיט זיך פאָר די פּאַרגעלעגנטע בראָשור. מיר זיינען מתרה, אַז מיר האָבן די טעמע ניט אויסגעשעפּט און ס'איז נאָך דא אַן אָרט אויף ממלא זיין און ממלא זיין. מיר האָבן זיך באַנוצט כמעט אויסשליסליך מיט דער יידיש=דייטשישער פּרעסע — מיט דער פּרעסע פון דורכוואַנדערונג=לאַנד פאַר די רוסיש=פּוילישע יידן און פון אויסוואַנדערונג=לאַנד, אויך וויפיל די דייטשישע יידן האָבן דעמאָלט זיך באַטייליקט אין דער עמיגראַציע. ס'איז אָבער שוין דעמאָלט געווען אַ יידישע פּרעסע אין אַמעריקע, פּאַריז און לאָנדאָן — אין די לענדער, וואוהין די דייטשישע און רוסיש=פּוילישע יידן האָבן איינגעוואַנדערט —

און ערשט פון דער דאָזיקער פרעסע קאָן מען באַקומען אַ קלאָר בילד ווי פון די ערשטע חבלי־לידה פון די דאָזיקע יידישע ישובים, אַזוי אויך פון די פּראָיעקטן און האָפענונגען, וועלכע די ערשטע עמיגראַנטן האָבן פאַרבונדן מיטן וואַנדערער־שטראָם, וואָס האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן.

מיר האָבן געזאָגט, אַז די עמיגראַציע־אָנהויבן און קאָלאָניזאַציע־פּלענער, וועלכע זיינען אויפגעקומען צוזאַמען מיטן וואַקסן פון דער וואַנדערונג, זיינען אין אונזער ליטעראַטור נאָך ניט באַלויכטן. מיר מוזן אָבער אָנווייזן אויף אַ פּאָר ביכער, וועלכע זיינען די לעצטע יאָרן דערשינען און וועלכע האָבן אַ פּאָר ווינקלאַך פון די דאָזיקע דערשיינונגען און פּראָבלעמען גאַנץ גוט באַאַרבעט. מיר מיינען די אַרבעט פון ש. באראָוואָי איבער דער קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט און דאס בוך פון ד״ר נ. געלבער „די פאָרגעשיכטע פונם ציוניזם“.

דער מחבר

די אַרטיקלען — אויסער דעם סוף — זיינען געווען געדרוקט אין דער „יידישער עמיגראַציע“ פאַר יאָר 1929, אין די נומערן 1, 2, 3, 5 און 6-8.

I.

די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פֿון יידן אין דער ערשטער העלפֿט פֿון 19־טן י״ה און די אָנהייבן פֿון יידישער אויסוואַנדערונג

ביים שטודירן די געשיכטע פֿון יידן אין דער ערשטער העלפֿט פֿון 19־טן יאָרהונדערט, וואַרפֿט זיך אין די אויגן, אַז דאָס צענדליק יאָר פֿון 1840 ביז 1850 איז גאַנץ באַזונדערס רייך מיט פֿאַרשלאָגן, פּראָיעקטן, פּלענער און מעמאָראַנדומס, וועלכע ליגן אין יסוד פֿון לייזן די יידישע פֿראַגע — וואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע. אונז אינטערעסירט ניט דאָס מאָל, וואָס ס'איז געוואָרן פֿון די דאָזיקע אַלע, אָפֿט ביז גאָר פֿאַנטאַסטישע און אילוזאָרישע פּלענער און פּראָיעקטן; אויך אינטערעסירן אונז ניט איצט די סיבות פֿאַר וואָס די אָדער יענע פּראָיעקטן, וועלכע האָבן פֿאַרמאָגט אין זיך אָפֿט זייער אַ געזונטן קערן און רעאַלע יסודות, האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרניט. מיר ווילן הייניקס מאָל באַקענען דעם יידישן לעזער מיט די פּלענער און פּראָיעקטן גופֿא און אויפֿדעקן, די סיבות און תנאים, וועלכע האָבן זיי געבוירן, — ווייל געזעלשאַפֿטליכע אילוזיעס און סאָציאַלע אוטאָפּיעס האָבן תמיד גאַנץ רעאַלע אונטערגרונטסיבות, וועלכע רופֿן זיי אַרויס. דווקא רעאַלע נויטן, ווירקליכע קאָנקרעטע צרות און ליידן רופֿן ניט זעלטן אַרויס די פֿאַנטאַסטישסטע פּראָיעקטן ווי פּטור צו ווערן פֿון זיי; און אָפֿט טרעפֿט, אַז וואָס גרעסער דער תהום פֿון צרות און פּיין, אַלץ העכער דער שפּרונג, אַלץ נעענטער צום הימל די פֿאַרגעלייגטע רפֿואה. אָבער ניט נאָר זאָגן סאָציאַלע פֿאַנטאַזיעס עדות וועגן באַשטימטע קאָנקרעטע נויטן, וועלכע האָבן זיי אַרויסגערופֿן, זיי ווייזן גאַנץ אָפֿט אָן דעם ריכטיקן וועג פֿון געפֿינען די תשובה אויף דער אָנגעוויטאָקטער פֿראַגע. וואָרים אָפֿטמאָל ליגט די אוטאָפּישקייט ניט אין דער עצם תשובה, ניט אינם גרונד פֿון דער רפֿואה, נאָר אינם איבערטרייבן אירע מאָסן, אינם פֿאַנטאַסטישן פֿאָרשטעלן די מעגליכקייטן און שאַנסן, וואָס די רפֿואה עפֿנט פֿאַר דער געזעלשאַפֿט, אין די אילוזאָרישע מיטלען און וועגן, וועלכע דאַרפֿן פֿירן צום ציל.

אין דעם פֿאַל, וועלכן מיר באַהאַנדלען דאָס מאָל, איז דאָס טאַקע געווען אַזוי — די נויט פֿון הונדערטער טויזנטער יידן, אַ זייער רעאַלע און, ביז גאָר אַ ווירקליכע, האָט געמוזט טרייבן, דעם געדאַנק הן פֿון די ליידנדיקע גופֿא, און הן פֿון דער אינטעליגענץ צו זוכן אַן אויסוועג ניט נאָר אין דער געגעבענער געזעלשאַפֿטליכער סביבה, וועלכע

האָט ווייניק צוגעזאָגט און קליינע האָפענונגען געגעבן, נאָר אויך אויסער איר
— אין איבערוואַנדערן אָדער אויסוואַנדערן, אין איבערפאָרן פון איין טייל מלוכה אין אַ
צווייטן, אָדער אין אַרויספאָרן גאָר אין גאַנצן פון איין מלוכה אין אַ צווייטער. און
די מאַסע האָט טאַקע אַליין געמאַכט די התחלה—יידן פון ליטע, ווייס-רוסלאַנד, פּאָדאָליע
און וואָלין האָבן אָנגעהויבן פאָרן קיין נײַ-רוסלאַנד פון, זיך אַליין, געטריבענע פון
נויט אין דער אַלטער היים און פון האָפענונג אויף דער נייער היים; יידן פון פּויזן
האָבן אויך פון זיך אַליין אָנגעהויבן ציען קיין בערלין, לייפּציג און האַמבורג און
נאָך ווייטער קיין פּאַריז, לאָנדאָן און אין די פּאַראייניקטע שטאַטן; יידן פון בייערן און
די ריין-פּראָווינצן האָבן אַליין אָנגעהויבן אויסוואַנדערן קיין לאָנדאָן און די פּאַראייניקטע
שטאַטן; יידן פון קאָנגרעס-פּוילן האָבן זיך געלאָזט קיין דייטשלאַנד, דורך פּויזן, ווו זיי
פלעגן פאַרבלייבן אַ קליין שטיקל צייט, און נאָכדעם ווייטער אויך מעבר-לים;
יידן פון גאַליציע האָבן זיך געריסן קיין בוקאָווינע, אונגאַרן און ווין. אָט די דאָזיקע
אַלע שטראָמען, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן טיילווייז אפילו נאָך סוף אַכצענטן-
יאָרהונדערט, ווי, למשל, די איבערוואַנדערונג פון באַלטער יידן קיין נײַ-רוסלאַנד [1]),
דאָס גרינדן פון יידישע קאָלאָניעס סוף אַכצענטן-יאָרהונדערט אין כערסאָנער גובערניע [2]),
די איבערוואַנדערונג פון גאַליצישע יידן קיין בוקאָווינע און, אַ גאַנץ קליינע אָנהויב-
אויסוואַנדערונג פון ענגלישע און דייטשע יידן קיין אַמעריקע, האָבן צו די פערציקער
יאָרן פון 19-טן יאָרהונדערט דערגרייכט צו אַ גאַנץ הויכער מדרגה פון אינטענסיווקייט
און האָבן אינם לעצטן, צענדליק יאָר פון דער ערשטער העלפט פון 19-טן יאָר-
הונדערט זיך צעשפּרייט און שטאַרק פאַרברייטערט.

נאָר אין אָנהויב פון 19-טן יאָרהונדערט זיינען אין די דריי נײַ-רוסישע גובערניעס
— יעקאַטערינאָסלאַווער, כערסאָנער און טאַווערישער — געווען עטליכע הונדערט
יידישע פאַמיליעס, און אין 1850 — שוין מער פון 50 טויזנט יידן; אין בוקאָווינע זיינען
געווען אָנהויב יארהונדערט 3 טויזנט יידישע נפשות און אין 1857 — 30 טויזנט יידן;
אין בערלין זיינען געווען אין 1811 — 3292 יידן, אין 1840 — 6456 און, אין 1852
— 11,840; אין גאַנץ ענגלאַנד זיינען געווען אָנהויב יאָרהונדערט 8000—7 יידן און
אין 1850 — 45,000; אין די פּאַראייניקטע שטאַטן זיינען, געווען אָנהויב יארהונדערט
3 טויזנט יידן; אין 1840—פון 15 ביז 20 טויזנט יידן, און אין 1850 מער פון 60 טויזנט
יידן — אין די איינע צען יאָר זיינען אַריינגעפאָרן צוויי מאָל מער יידן, וויפיל ס'איז
געווען אין לאַנד.

ס'פאַרשטייט זיך, אין פאַרגלייך מיט דער צווייטער העלפט פון 19-טן יאָר-
הונדערט און ערשטן פערטל פון, 20-טן, ווען די דאָזיקע שמאָלע שטראָמען האָבן
זיך פאַרוואַנדלט אין גרויסע כוואַליעס, וועלכע האָבן אַריבערגעטראָגן פון איין אָרט
אויפן אַנדערן מיליאָנען יידן, זעען אויס די געבראַכטע ציפערן, נישטיק און אומבאַ-
דייטנדיק. באַטראַכט מען אָבער די דאָזיקע אַלע אָנהויבן, ווי סטיכישע התחלות פון

---

[1]) זע מיין אַרטיקל — די אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק פאַר די לעצטע 100 יאָר, אין די „שריפטן
פאַר עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק" (פון יידישן וויסנשאַפטליכן אינסטיטוט), ב. I, בערלין 1928, ז. 26.

[2]) דאָרטן, ז. 27.

אָרימע אומקולטורעלע קליינשטעטלדיקע מאַסן ביי יענע קאָמוניקאַציע־באַדינגונגען, ווען פון מאָהילעווער גובערניע קיין כערסאָנער איז מען געפאָרן חדשים־לאַנג, ווען אפילו נאַפּאָלעאָן האָט געמוזט לויפן צוויי און צוואַנציק טעג פון מאָסקווע ביז פּאַריז, ווען דער לאָקאָמאָטיוו (1825) און דאָס פאָרן איבערן ים מיט אַ דאַמפּער־שיף (1838) זיינען נאָך געווען גאָר יונגע ערפינדונגען, — מוז מען קומען צום אויספיר, אַז נאָר אַ אומגעהויער גרויסע פאַרצווייפלטע נויט האָט געקאָנט אויפהויבן די דאָזיקע פאַרגליווערטע, איינערטע און פאַסיווע מאַסן פון זייערע ערטער און זיי טרייבן אין אַלע עקן פון דער וועלט זוכן נייע היימען און נייע פרנסות, אַז נאָר אַ כלו־כל־הקיצינדיקע לאַגע האָט זיי געקאָנט צווינגען איינרייסן, מיט אייזנפעסטע פאַרהייליקטע טראַדיציעס, זיך אַרויסרייסן פון אויסגעזעסענע און איינגעזעסענע נעסטן און זיך לאָזן שטומע און שוואַכע אין ווייטע פרעמדע און אָפט אַפילו וויסטע וועלטן, כדי צו געפינען אַ מקום־מנוחה און אַ נחלה.

צו די פערציקער יאָרן האָבן די חבלי־לדה פון די אַלע אויסגערעכנטע וואַנדערונג־שטראָמען, ווי אויך פון די סאָציאַלע פּראָצעסן, וועלכע האָבן אין די אַלטע היימען אין דער נאָענטסטער צייט געבראַכט באַדייטנדיקע פאַרבעסערונגען, דערגרייכט זייער העכסטע אָנגעשטרענגטקייט. דערמיט איז ניט געזאָגט, אַז פאַר די ערשטע פיר צענדליק יאָר פון 19־טן יאָרהונדערט זיינען ניט פאָרגעקומען קיין וויכטיקע פּאָזיטיווע שנוים אין יידישן עקאָנאָמישן לעבן. פאַרקערט, ס׳זיינען געווים פאָרגעקומען גאַנץ וויכטיקע און באַדייטנדיקע ענדערונגען לטוב — אַזוי, האָט די אָפּוואַנדערונג פון די קליינע שטעטלאַך אין די גרויסע שטעט אַריין שוין דעמאָלט אָנגענומען אַפילו אין רוסלאַנד און פּוילן אַ גאַנץ גרויסן מאַסשטאַב. און דאָס זאָגט עדות ניט נאָר וועגן דער שווערער לאַגע אינם קליינעם שטעטל אָדער דאָרף, ווו דער ייד האָט פאַרלוירן דעם שענק, די אַרענדע אָדער די קראָם און האָט געמוזט זוכן נייע פרנסה־קוועלן — דאָס איז אויך אַ באַווייז, אַז אין די גרויסע שטעט האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן נייע מעגליכקייטן פון פרנסות, וואָס ס׳האָט געמאַכט מעגליך די קאָנצענטראַציע פון גרע־סערע מאַסן, און באַזונדערס פון יידישע מאַסן. פאַרשטייט זיך, דא האָבן אויך געווירקט די אַרויסטרייבונגען פון די דערפער אין די צייטן פון ניקאָלאַי דעם ערשטן, די אַרויסטרייבונגען פון די גרעניץ־ערטער און אַנדערע רדיפות און גזירות, וואָס האָבן זיך אין יענע יאָרן געשאטן אויף אַלע יידישע קעפ, און מיט אַ באַזונדער קראַפט אויף די אַזוי גערופענע „אומפּראָדוקטיווע“ עלעמענטן, דאָס הייסט, אויף די יידן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין באַשטימטן הכנסה־מקור און וועלכע האָבן, לויט די פּאַרזיכטיקסטע שאַצונגען, אויסגעמאַכט פון 20 ביז 25 פּראָצענט פון דער גאַנצער יידישער באַפעל־קערונג. דאָס קאָנצענטרירן זיך פון די יידישע מאַסן אָבער אין באַשטימטע שטעט, וועלכע זיינען טאַקי באַלד געוואָרן אינדוסטריע־ און האַנדל־צענטרן, באַווייזט דאָך, אַז דאָס איז געווען ניט סתם אַ צוזאַמענלויף פון געיאָגטע מאַסן, נאָר אַ איבער־וואַנדערונג אין פּונקטן, וועלכע האָבן שוין געהאַט אין זיך אַ צוציאונג־קראַפט.

אין דעם פּרט איז באַזונדערס אינטערעסאַנט די קאָנצענטראַציע פון יידן אין וואַרשע, וועלכע איז אין 18־טן יאָרהונדערט געווען נאָר אַ אַדמיניסטראַטיוו־קולטורעלער

צענטער און איז געוואָרן אַ אינדוסטריע־ און האַנדל־צענטער ערשט אין 19־טן יאָר־הונדערט.

טאַבעלע I

יידן און ניט־יידן אין וואַרשע אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט*)

יאָר	די גאַנצע באַפעלקערונג	פון דעם יידן: אַבסאָלוטע צאָל	פון דעם יידן: %
1800	74 590	9 724	13,04
1818	86 000	17 000	19,77
1826	136 433	28 044	20,55
1830	139 654	31 000	22,20
**)1831	113 953	29 214	25,61
1838	139 671	36 390	26,06
1850	154 000	40 000	26,00

די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך פאַר 50 יאָר מער ווי פאַרפירפאַכט, ווען די קריסטליכע באַפעלקערונג האָט זיך אפילו ניט פאַרטאָפּלט.

אין די אוקראַינער גובערניעס איז געווען, דעמאָלט די גרעסטע יידישע קהילה אין באַרדיטשעוו, וועלכע איז געווען אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט דער באַדייטנדיקסטער האַנדל־צענטער — און אין דער דאָזיקער שטאָט זיינען געווען יידן אָנהויב יאָרהונדערט העכסטנס דריי טויזנט, און אין 1850 — דרייסיק טויזנט. אין אדעס זיינען געווען אָנהויב יאָרהונדערט אַ פּאָר הונדערט יידן און אין 1850 — ביי צוואַנציק טויזנט יידן. אין ווילנע איז דער וווקס געווען אַ קלענערער, אָבער אויך אַ באַדייטנדיקער — פון 7 טויזנט אָנהויב יאָרהונדערט אויף 25 טויזנט אין מיטן יאָרהונדערט.

אויך דא מוז באַמערקט ווערן, אַז מיט דער אורבאַניזירונג פון דער שפּעטערדיקער עפּאָכע זעען אויס די געבראַכטע ציפער, באַזונדערס פאַר וואַרשע און אָדעס, ניט אַזוי באַדייטנדיק, אָבער פאַר דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט זיינען זיי גאַנץ גענוג אויף צו דינען אַלס דער בעסטער באַוויז, אַז די קאָנצענטראַציע אין גרויסע שטעט, וועלכע האָט שוין געטראָגן אין זיך אַ איבערגאַנג פון פאַרמיטלערישע און לייִדיקגייערישע עלעמענטן צו אַרבעט, האָט שוין דעמאָלט אָנגענומען גאַנץ קלאָרע טענדענצן און איז געווען אַ וויכטיקער פאַקטאָר אינם אָפּוואַנדערן פון די קליינע שטעט־

*) זע: „Allg. Zeitung d. Judentums“, Leipzig 1846, S. 379—80.
Henryk Grossman: Struktura społeczna i gospodarcza księstwa Warszawskiego. Warszawa 1925.

**) אין אָקטאָבער — נאָכן אויפשטאַנד, אין וועלכן קריסטן האָבן זיך נאַטירליך מער באַטייליקט.

לאַך, ווי די איבערבאַפעלקערונג און די פרנסה־לאָזיקייט האָבן אָנגענומען קאַטאַסטראָפאַלע פאָרמען.

דער קריזיס אין די קליינע שטעטלאַך, פאַרשטאַרקט אין רוסלאַנד דורך דעם אַרויסיאָגן פון די דערפער, האָט אין אַלע לענדער מיט געדיכטע יידישע ישובים, אַריינרעכנדיק אין דעם כלל אויך דייטשלאַנד, געטריבן צו דריי אויסוועגן: קאָנצענטראַציע אין די נאָענטע גרויסע שטעט; איבערוואַנדערונג אין פרייע טיילן פון דער זעלביקער מלוכה (רוסלאַנד), אָדער אין מער אַנטוויקלטע אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע טיילן (עסטרייך און דייטשלאַנד) און אויסוואַנדערונג אין פרעמדע אייראָפּעאישע מלוכות אָדער מעבר־לים.

אָפּוואַנדערונג, איבערוואַנדערונג און אויסוואַנדערונג — דאָס זיינען געווען דריי אַרבל פון איין גרויסן פּאָטענציעל מעכטיקן שטראָם, וואָס האָט זיך אַ גאָס געטאָן פון די איבערפולטע מיט שענקערס און אַרענדאַרעס, קרעמערלאַך און הענדלערלאַך, מעקלערלאַך און איבערקויפער, חלפנימלאַך און סתם מאַרק־יידעלאַך, רבנים און צדיקים, דיינים און שמשים שטעטלאַך פון מזרח־אייראָפּע און אויך דייטשלאַנד, אַ שטראָם, וואָס האָט ביזן גרונד אויפגעטרייסלט און צעטרייסלט דאָס אַלטע טראַדיציאָנעלע קליינשטעטלדיק־דאָרפיש, הענדלעריש־מעקלעריש יידנטום און האָט געשאַפן די באַדינגונגען פאַרן אויפקומען פונם מאָדערנעם דיפערענצירטן, גרויס־שטאָטישן וועלט־יידנטום. שוין אין די גסיסה־יאָרן פונם אַלטן, קראַנקן שליאַכטישן פוילן האָט זיך דער דאָזיקער שטראָם אָנגעהויבן (דעמאָלט האָט געלעבט אין פוילן מער פון צוויי־דריטל פון גאַנצן יידישן פאָלק), האָט עטליכע צענדליק יאָר געטאַפּט און געזוכט די וועגן און שליאַכן, האָט צום סוף פון ערשטן העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט שוין קלאָר אָנגעצייכנט אַלע דריי אַרבל זיינע, ווי אויך זייערע ריכטונגען און אינטענסיווקייט, האָט זיך צום סוף פון 19־טן יאָרהונדערט שטאַרק אויפגעהויבן און צעגאָסן און, איז אָנהויב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָלאָסאַלער כוואַליע, וועלכע האָט צונויפגעטראָגן אין די גרעסטע שטעט פון דער וועלט און אַוועקגעטראָגן אין די ווייטסטע וועלט־טיילן מיליאָנען יידן.

אין די אויפגעקומענע גרויסע שטעט פון דייטשלאַנד, עסטרייך, רוסלאַנד און פוילן איז אויסגעוואַקסן אַ גאַנץ באַדייטנדיקער שיכט פון יידישער קאַפּיטאַליסטישער בורזשואַזיע. אָנהויב 19־טן יאָרהונדערט זיינען די יידישע באַנקירן, און גרויסע סוחרים געווען איינצלנע זעלטענע עקזעמפּלאַרן; נאָך זעלטענער זיינען געווען יידישע פאַבריק־אונטערנעמער — צו דער מיט פון 19־טן יאָרהונדערט איז זייער צאָל אַזוי שטאַרק אומעטום אויסגעוואַקסן, אַז מען קאָן באמת אָננעמען, אַז אָט דעמאָלט איז געבוירן געוואָרן די יידישע בורזשואַזיע אַלס אַ קלאַס, וואָס פּרעטענדירט אויף אַ חלק אין דער פּאָליטישער מאַכט פון לאַנד, פאַרמאָגנדיק שוין אַ פעסטן חלק אין דער עקאָנאָמישער מאַכט. ביז וואַנען די מלוכה־הערשאַפט איז געלעגן אין די הענט פון די פּריצים־פעאָדאַלן האָט אפילו ניט געקאָנט קומען יידן אויפן געדאַנק, אַז זיי קאָנען זיין גלייכע בירגער, גלייך באַטייליקטע אינם רעגירן. ערשט ווען די שטאָטישע בורזשואַזיע קומט צו־ביסלאַך צו דער מאַכט, קומט אויף ביי דער יידישער בורזשואַזיע אַ באַוועגונג פאַר

גלייכע רעכט, פאַר גלייכן אָנטייל אין מלוכה־לעבן מיט יענע קלאַסן, מיט וועלכע זי האָט געטיילט די עקאָנאָמישע מאַכט אין שטאַט. ניט וויכטיק איז, וואָס די יידישע בורזשואַזיע, קעמפנדיק פאַר איר באַפרייאונג אַלס קלאַס, האָט זיך ניט באַטראַכט ווי אַ יידישן קלאַס, ווי אַ נאַציאָנאַלע גרופּע, נאָר ווי איינצלנע פּערזאָנען, יידישע אַטאָמען פונם גאַנצן מלוכה־אָרגאַניזם, יידישע חלקים פונם געמיינזאַמען, בורזשואַזן קלאַס פון דער מלוכה. אויף וויפל די דאָזיקע בורזשואַזיע האָט גערעדט אין נאָמען פון גאַנצן יידישן פאָלק, אין נאָמען פון אַלע איינצלנע יידן, וועלכע זיינען אין לעבן ניט געווען צעשאָטענע אַטאָמען, נאָר גלידער פון אַ גרופּע מיט אַ ירושה, אַ אָנגעזאַפּטער און אָנגעשטאַפּטער מיט אַלטע טראַדיציעס און דורותדיקע שותּפותדיקע איבערלעבונגען, האָט זי אויסגעפילט אַ נאַציאָנאַלע שליחות, האָט זי אָפּגעטאָן אַ נאַציאָנאַלע היסטאָרישע אַרבעט.

פון דער צווייטער זייט, האָבן זיך אָנגעהויבן שוין דעמאָלט אויסבילדן אַרבעטער־מאַסן, וואָס אַרבעט איז געווען זייער איינציקער מקור פון פּרנסה און וועלכע זיינען ביי אַרבעט געבליבן זייער גאַנץ לעבן. אין באַרדיטשעוו, וואַרשע, טיילוויז אין אָדעס און ווילנע זיינען שוין געווען טויזנטער יידישער אַרבעטער, וועלכע זיינען געווען גאַנץ ווייט פון אַמאָליקן קליינשטעטלדיקן פּועל — אמת, דאָס איז נאָך אַלץ געווען אַ האַנטווערקער־ און היים־אינדוסטריע־פּראָלעטאַריאַט; קיין פאַבריק־אַרבעטער זיינען נאָך כמעט גאָר ניט געווען, חוץ גאַנץ ווייניקע אויסנאַמען; און קיין גרויסע וואַרשטאַטן, ווי דאס איז געווען שפּעטער, זיינען נאָך אויך ניט געווען — דאָך איז דאס געווען אַ שריט פאָראויס פונם אַמאָליקן פּאַטריאַרכאַלישן פּועל, וואָס פלעגט תּמיד ווערן אַ זעלבסטשטענדיקער באַלעבאָס. חוץ דעם זיינען דאָך דאָ געווען צו עטליכע טויזנט אַרבעטער אין איין שטאָט, וואָס ס׳האָט געמוזט שפּילן ניט קיין קליינע ראָלע. דער חילוק איז טאַקי געווען דער עיקר אין כּמות — פריער פלעגט זיין אין יעדער שטעטל אַפּאָר צענדליק און אין די גרעסערע שטעט אַ פּאָר הונדערט פּועלים און משרתים און, צום 1850 איז געווען אין באַרדיטשעוו אַרבעטער ניט ווייניקער פון אַ פּאָר טויזנט און מיט משרתים און דינסטן ביז פינף טויזנט. נאָך גרעסער איז געווען די צאָל אַרבעטער און משרתים, די צאָל פּראָלעטאַרישע עלעמענטן, אין וואַרשע; און אויך אין אַנדערע שטעט זיינען שוין די פּראָלעטאַרישע עלעמענטן געווען טויזנטער און ניט הונדערטער, אָדער צענדליקער. מען פאַרשפּאָרט צוצוגעבן, אַז דער פּראָצענט אַרבעטנדיקע עלעמענטן, בכלל — בעלי־מלאכות, בעלי־עגלות, טרעגער, שוואַרץ־אַרבעטער — איז פאַר דער צייט שטאַרק אויסגעוואַקסן און דער עיקר, פאַרשטייט זיך, אין די גרויסע שטעט.

מיר קאנען זיך דא ניט אָפּשטעלן גענוי אויף די אָנגעמערקטע פּראָצעסן און אויך ניט אויף די פאַקטן, וועלכע באַשטעטיקן און באַלייכטן דעם פאַרגעקומענעם פון אָנהויב 19־טן ביז דער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט באַדייטנדיקן עקאָנאָמישן שינוי אין יידישן לעבן. מיר קאנען זיך אויך דא ניט פאַרהאַלטן אויף די גרויסע חילוקים, וואָס זיינען געווען אין דער אָנגעמערקטער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג אין פאַרשיידענע

לענדער. די אַנטוויקלונג אין דייטשלאַנד איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ גאַנץ אַנדערע, ווי אין רוסלאַנד און פּוילן.

פאַר אונז איז דאָ איינגטליך וויכטיק דער הצד השוה שבהם — און דער דאָזיקער הצד השוה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אָט די אַלע פּאָזיטיווע פּראָגרעסיווע עקאָנאָמישע דערשיינונגען זיינען דערוויילע געווען שוואַכע התחלות פון יענע פּראָצעסן, וועלכע האָבן ערשט צום סוף 19-טן געגעבן אָנזעעוודיקע וויכטיקע רעזולטאַטן. די יידישע קאַפּיטאַליסטישע פינאַנץ-, האַנדל- און, אפילו אינדוסטריע-בורזשואַזיע איז געווים שוין דעמאָלט געבוירן געוואָרן — זי איז אָבער נאָך געווען אין די וויקעלאַך; דער יידישער מיטל-קלאַס איז געווים פאַר די דערמאָנטע 50 יאָר אין כמות אויסגעוואַקסן און האָט אויך פאַרפעסטיקט זיין לאַגע, אָבער דאָס אַליין אין זייער אַ קליינעם מאָסשטאַב; ס'האָט שוין דעמאָלט זיך אָנגעהויבן דאָס זאַמלען פון גרעסערע אַרבעטנדיקע מאַסן — האַנטווערקער און אַרבעטער, משרתים און שוואַרץ-אַרבעטער — אין די גרעסערע שטעט, אָבער דאָס איז געווען אַ אָנהויב, וואָס האָט קוים געקאָנט ווירקן אויף דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די גרויסע קליינשטעטלדיקע און דאָרפישע מאַסן, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין פרוכפּערן און מערן זיך און וועלכע האָבן אַליין מער און מער פאַרלאָרן דעם באָדן אונטער די פיס.

וואָס נעענטער מען איז צוגעקומען צו דער פּויערים-באַפרייאונג, אַליין אינטענסיווער איז געגאַנגען דער צעפאַל פון דער פּריצישער-שלאַכטישער ווירטשאַפט-סיסטעם און אַליין גרעסער איז געוואָרן די צאָל פון יענע יידן, וואָס זיינען אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון זייערע פּאָזיציעס. די אויבן-אָנגעמערקטע פּאָזיטיווע פּראָצעסן האָבן דעמאָלט נאָך אפילו אין דער מינימאַלסטער מאָס ניט געדעקט די נעגאַטיווע רעזולטאַטן, פון דער ירידה פון דער פּריצישער ווירטשאַפט-סיסטעם, און דערצו זיינען צוגעקומען אין מזרח-אייראָפּע פאַר דער ערשטער העלפט פון 19-טן יאָרהונדערט מער פון אַ מיליאָן יידן — די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך פאַר דער דאָזיקער צייט פאַרטאָפּלט. אויך דייטשלאַנד איז נאָך דעמאָלט געווען אַ אַגראַר-לאַנד און דער איבערגאַנג צום קאַפּיטאַליזם האָט אָפּגעשאַפט אַסך קליינשטעטלדיקע און דאָרפישע פּרנסות, וועלכע זיינען געווען דער איינציקער מקור פון פּרנסה פאַר די דייטשע יידן. און אויך אין דייטשלאַנד האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג פאַר די 50 יאָר פאַרטאָפּלט, בעת די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַדינגונגען פאַר דער קאָנצענטראַציע אין די גרויסע שטעט און פאַרן איבערגאַנג פון דאָרפיש-קליינשטעטלדיקן קליין-האַנדל צו גרויסשטאָטישן אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל, צו אָנטייל אין פאַבריקאַציע, צו ליבעראַלע פּראָפעסיעס האָבן נאָך געפעלט.

וואָס זשע האָט זיך באַקומען? דער חורבן פון דער יידישער מיטל-אַלטערליכער עקאָנאָמיק איז געגאַנגען מיט מיילן-טריט, ווען די איבערבוי- און אויפבוי-פּראָצעסן זיינען געקראָכן מיט קינדערשע טריט. און דער יידישער דלות, וועלכער האָט שוין צום אָנהויב 19-טן יאָרהונדערט אָנגענומען קאַטאַסטראָפאַלישע פאָרמען און האָט געצווונגען אַלע מלוכות, די יורשים פון פּוילן, טראַכטן וועגן ראַדיקאַלע פּלענער, ווי אַזוי

אַרויסשלעפּן די יידישע מאַסע פונם זומפּ [3], אין וועלכן זי איז שטעקן געבליבן נאָכן אונטערגאַנג פון דער פּוילישער מלוכה — אַט דער דאָזיקער יידישער דלות האָט דערגרייכט, באַזונדערס אין רוסלאַנד, ווו די ניקאָלאַאישע גזירות־גזעצגעבונג האָט שטאַרק מיטגעהאָלפן דעם חורבן, איר העכסטע מדרגה און גרעסטע אָנגעשטרענגטקייט.

און ס'האָבן אָנגעהויבן אויפקומען פּלענער, פּראָיעקטן, אידעען און געדאַנקען, ווי אַזוי בייקומען די דאָזיקע לאַגע, ווי אַזוי אַרויסרייסן זיך פונם טעמפּן ווינקל. *וואַנדערונג* און *קאָלאָניזאַציע* זיינען געווען אין צענטער פון די דאָזיקע אַלע פּראָיעקטן און פּלענער.

[3] זע מיין דערמאָנטן אַרטיקל אין די „שריפטן פאַר עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק“.

II

די גרויסע נויט אין רוסלאַנד און די פּראָיעקטן אַרויסנעמען אַלע יידן פון רוסלאַנד און זיי קאָלאָניזירן אין אַמעריקע

אַלס אַ הקדמה צו דער תקופה, וועלכע מיר באַטראַכטן דא, קאָן מען נעמען דעם פּראָיעקט פון דער רוסישער רעגירונג אין 1836 צו באַזעצן יידן אין סיביר. פון דעם איז גאָר ניט געוואָרן, אָבער דער טומל, וואָס ניקאָלאַיס באַפעל האָט אַרויסגערופן צווישן יידן, איז ביז גאָר אינטערעסאַנט און כאַראַקטעריסטיש. ס'האָבן זיך ממש אַ שאָט געטאָן השתדלותן פון יידן און בקשות צו געבן זיי ערד און זיי לאָזן איבערפאָרן קיין סיביר. פון ווילנע האָבן אָנגעגעבן 286 משפחות; וועגן זיי האָט דער גובערנאַטאָר געשריבן, אַז זיי זיינען „שטאַרק אָרים, מטופל מיט גרויסע פאַמיליעס און האָבן קיים אויף חיונה". פון גראָדנע — 45 משפחות, פון וויטעבסק — 139; פון מיטוי — 150; פון מינסק — 102 משפחות און נאָך אַסך, אַסך [4].

ניקיטין שרייבט אין זיין באַקאַנטן בוך איבער די יידן-לאַנדווירטן אין רוסלאַנד: „אין מערב-קאַנט איז ניט געבליבן קיין שטעטל, פון וואַנען יידן זאָלן ניט האָבן זיך געבעטן קיין סיביר. דאָס איבערוואַנדערן איז געווען פאַרבונדן מיט אַסך צוגרייטונגען, וועלכע האָבן נאַטירלעך ניט געקאָנט אַזוי גיך דורכגעפירט ווערן. דאָס האָט די יידן גערייצט און די ווייניקער גערדולדיקע האָבן זיך ענערגיש געקלאָגט: איינע אויף דער צעקראָכנקייט פון דער אָרטיקער מאַכט; אַנדערע אויף די קהלס, וועלכע, וועלנדיק אָפּרעדן פון איבערפאָרן קיין סיביר, האָבן זיי געשראָקן מיט אָפּגעבן זייערע קינדער פאַר רעקרוטן אויסער דער רייע; דריטע — אויף דעם, אַז מען גיט זיי ניט אַרויס די ציינגעניש מיט רעכט אויף אָפּפאָרן; די פערטע האָבן זיך געקלאָגט אויף דער פּאָליציי דערפאַר, וואָס זי האָט זיי שלעכט באַשריבן און דערמיט האָט זי זיי געצוווּנגען בלייבן אינדערהיים. און די פינפטע... די פינפטע האָבן דערזעען, אַז די זאַך גייט ניט, נאָר קריכט, האָבן זיי זיך אויפגעהויבן פון די ערטער און זיינען אַוועק" [5].

באַראַוואי גיט צו צו דער דאָזיקער ציטאַטע:

---

[4]) זע: באָראָוואָי: די יידישע לאַנדווירטשאַפטליכע קאָלאָניזאַציע אין אַלטן רוסלאַנד (רוסיש) מאָסקווע 1928, ז. 137.

[5]) ציטירט לויט באָראָוואָי, ז. 137.

„זיי האָבן זיך געיאָגט, מורא־האָבנדיק צו פאַרשפּעטיקן, פאַרפילנדיק, אַז די „מתנה“ וועט צוריק גענומען ווערן. דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין אַ אַטמאָספער פון אַ אַלץ וואַקסנדיקער בהלה און אומרו, וועלכע זיינען אַרומגעוואַקסן געוואָרן אַלץ מער און מער מיט פאַנטאַסטישע פּרטים און מעשיות. אַסך האָבן זיך געלאָזט אין וועג. איינצלנע פּאַרטיעס יידן זיינען פאַרפאָרן זייער ווייט קיין טיף רוסלאַנד. מען זעט זיי אין טאַמבאָוו, ווו זיי רופן אַרויס מיט זייער אויסגעמאַטערטן אויסזען און אומגליקליכער לאַגע רחמנות ביי די אָרטיקע בעלי־צדקה. אַ גרופּע פון צוואַנציק משפחות פון מיטאַווע פאָרט דורך אויפן וועג קיין סיביר דורך קאַזאַן. צום סוף פון 1837 בלייבן שטעקן אין סימבירסק 17 משפחות, אין נאָוואָראָד־סעווערסק און אין גלוכאָוו צו פיר פאַמיליעס. איינצלנע פאַמיליעס טרעפט מען אין קאַמישאָוו, פּענזע און אין אַנדער ערטער“ [6].

געענדיקט האָט זיך, ווי באַקאַנט, זייער טרויעריק — אויפן אָרט פון ראַטעווען די יידן דורך סיביר, האָט מען אָנגעהויבן ראַטעווען סיביר פון יידן: מען האָט אָפּגעגעבן אַ באַפעל אָנצונעמען, מיטלען, אַז אין סיביר זאָלן בלייבן וואָס ווייניקער יידן. נאָר ניט דאָס אינטערעסירט אונז דאָ — ס'פרעגט זיך בעסער: פאַר וואָס האָבן יידן זיך אַזוי אָנגעכאַפּט אין סיביר? האָבן זיי געהאַט כאָטש אַ וואָסער ס'ניט איז פאַרשטעלונג וועגן סיביר? האָבן זיי געהאַט אַ וועלכן ס'ניט איז גרונד צו רעכנען אָדער האָפן, אַז דאָרטן זיצט און וואַרט אויף זיי דער שר של מזל? אויף די אַלע פראַגן מוז מען ענטפערן מיט „ניין“ — און די דערקלערונג פאַר דער בהלה, וואָס דאָס וואָרט סיביר האָט אַרויסגערופן ביי יידן און האָט אויפגעהויבן פון די ערטער הונדערטער און אפשר טויזנטער משפחות, דאַרף מען זוכן פשוט אין דעם גהינום, פון וועלכן מען האָט געוואָלט זיך אַרויסרייסן און זאָל זיין אפילו אין אַ לאַנד, וואָס ליגט פון יענער זייט הרי חשך, אַבי אַרויס פונם זומפּ, אין וועלכן מען טרינקט זיך שוין הונדערטער יאָרן.

מיר וועלן זיך ניט אָפּשטעלן אויף דער אַזוי גערופענער „דריטער עליה“ קיין ניי־רוסלאַנד: אי יידן אַליין, אי די רעגירונג האָבן זיך תיכף דערמאָנט, אַז אין ניי־רוסלאַנד זיינען שוין פאַראַן עטליכע יידישע קאָלאָניעס און האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אַהינצו. דאָס דאָזיקע קאַפּיטל יידישע קאָלאָניזאַציע איז גענוג באַקאַנט. די דאָזיקע נייע „עליה“ קיין ניי־רוסלאַנד האָט קיינער ניט באַטראַכט ווי אַ ישועה פאַרן יידישן פאָלק, ווי אַ תשובה אויף דער גרויסער נויט, וואָס האָט אַוועקגעשטעלט דאָס רוסישע יידנטום אין צענטער פון אַלע יידישע פּראָבלעמען, און האָט דאָס ערשטע מאָל געמאַכט די רוסיש־יידישע פּראָבלעם פאַר אַ פּראָבלעם פון וועלט־יידנטום. דערצו האָבן געוויס ניט ווייניק מיטגעהאָלפן די שרעקליכע רדיפות פון ניקאָלאַי דעם ערשטן און באַזונדערס די טענדענץ צו אפּשמדן די יידן דורך דער רעקרוטשינע, וועלכע האָט צו די יאָרן 1840—45 אָנגענומען די גרויזאַמסטע פאָרמען און וועלכע איז דעמאָלט געוואָרן קלאָר דעם אויסלענדישן יידנטום. ס'איז אָבער גאָר קיין ספק ניט, אַז נאָך מער האָט געווירקט דאָ די עמיגראַציע פון יידן פון רוסלאַנד, ריכטיקער, דאָס לויפן פון

[6] דאָרטן.

ייִדן פֿון רוסלאַנד, וואָס האָט אין די דאָזיקע יאָרן, באַזונדערס נאָכן אַרויסגעבן דעם באַפֿעל פֿון אַרויסטרייבן ייִדן פֿון די גרעניץ־געגנטן 50 וויאָרסט אַרום (1843), אָנגענומען גאַנץ גרויסע פֿאַר יענער צייט מאַסשטאַבן.

צו מאַכן די ייִדיש־רוסישע פֿראַגע פֿאַר אַ ייִדישער אינטערנאַציאָנאַלער פֿראַגע האָט געוויס פֿיל מיטגעהאָלפֿן דאָס אָפּפֿאָרן פֿון באַקאַנטן השכלה־טוער ליליענטאַל פֿון רוסלאַנד. ביז וואַנען ליליענטאַל האָט אויסגעפֿילט די שליחותן פֿון ניקאָלאַיס רעגירונג האָט זיך געמוזט שאַפֿן אַ אילוזיע, אַז ס'קומט דאָ פֿאַר אַ קאַמף צווישן חשך און אור, צווישן דער פֿינסטערער ייִדישער מאַסע, וואָס וויל ניט קיין „שקאָלעס“, און צווישן דעם „מלך חסד“, ווי אייניקע משׂכּילים האָבן גערופֿן ניקאָלאַי דעם ערשטן, וואָס וויל באַגליקן די ייִדן מיט בילדונג און וויסן. אָבער חוץ די אַלע פֿאַקטאָרן איז געווען אײן רעאַלער און וויכטיקער פֿאַקטאָר, וואָס האָט געמוזט ווירקן שטאַרקער פֿון אַלע — דאָס לאָזן זיך פֿון ייִדן איבער די גרעניצן פֿון רוסלאַנד.

דאָס רוסישע ייִדנטום האָט דעמאָלט ניט געהאַט קיין פּרעסע, און דאָס ייִדישע לעבן האָט ניט געפֿונען קיין אָפּקלאַנג אין קיינע אינסטיטוציעס, חוץ אין די קאַנצע־ליאַרעס פֿון די גובערנאַטאָרן, וועלכע זיינען נאָך, ליידער, ביז איצט גאַנץ ווייניק אויס־געפֿאָרשט. מיר געפֿינען אָבער געוויסע אָפּקלאַנגען פֿון דער ייִדישער בהלה־אויסוואַנ־דערונג פֿון יענער צייט אין דער ייִדיש־דייטשער פּרעסע.

אין דער „אַלגעמיינער צייטונג דעם יודענטומס“ פֿון יאָר 1844, ז. 76, ווערט געשריבן איבער רומעניע:

„אַלס אַ פּועל יוצא פֿון יענעם באַפֿעל (אַרויסטרייבן ייִדן פֿון די גרעניץ־געגנטן — י. ל.) מוז מען אויך באַטראַכטן די שטרענגע, כּמעט אוממענשליכע מאַסמיטלען פֿון מאָלדאַוויע כּדי צו אָפּשטעלן דאָס אַריינדרינגען פֿון פֿרעמדע ייִדן. פֿון דער דרום־רוסישער גרעניץ־פּראָווינץ האָבן אויסגעוואַנדערט פֿילע ייִדן קיין מאָלדאַוויע נאָך פֿריער מיט עטליכע חדשים, נאָך איידער מען האָט אויף זיי שטרענג אַכטונג געגעבן, ווייל דאָס אַרויסטרייבן איז נאָך געווען גאַנץ וויַיט. ווער ס'האָט אפֿילו ניט געהאַפּט צו בלייבן, אין מאָלדאַוויע, האָט גערעכנט באַקומען דאָרטן אַ פּאַס און ווייטער פֿאָרן. ווייל מען האָט איצט מורא, אַז וויבאַלד דער באַפֿעל ווערט טאַקי דורכגעפֿירט אין לעבן, וועט קומען, נאָך אַ גרעסערער אַריינרייסן זיך פֿון ייִדן, האָט מען אַרויסגעלאָזט דעם באַקאַנט שטרענגן עדיקט“.

אין דער זעלביקער צייטונג ווערט דערציילט שפּעטער מיט עטליכע חדשים.

„אין יאַסי איז פֿאַראַן אַ אייגנאַרטיקער קלאַס ייִדן, וואָס ערגיץ־אַנדערש קאָן מען שווער געפֿינען אַזעלכע. זייער נאָמען איז „בורלאַקי“. דאָס זיינען מערסטנטיילס ייִדישע בחורים, אָנגעקומענע פֿונם נאָענטן רוסלאַנד, וועלכע קומען אַהערצו אָן מיט לײדיקע הענט, כּדי צו פֿאַרדינען דאָ — זיי אַליין ווייסן ניט ווי אַזוי — זייער שטיקל ברויט. זייער קוואַרטיר איז דער יאַסער שול־הויף“ [7].

[7]) „Allg. Zeitung des Judentums“, 1844, S. 633—4.

און דער מחבר פון דער קאָרעספּאָנדענץ דערציילט, אַז צווישן די דאָזיקע בורלאַקעס, אָדער פּשוט יידישע שוואַרץ=אַרבעטער, הערשט אַ שרעקליכע אָרימקייט און דעמאָראַליזאַציע. די רעגירונג האָט דערלויבט דער יידישער געמיינדע אַרויסשיקן יעדן בורלאַק, וואָס וועט זיך מיט עפּיס פאַרזינדיקן. און די יידישע קהילה פלעגט טאַקי אויסנוצן איר רעכט און פלעגט אַרויסשיקן פאַר אַזעלכע, למשל, חטאים: פאַר טראָגן אום שבת אַ טיכעלע אָדער אַ ברויט.

אַז צווישן די דאָזיקע יידישע „בורלאַקעס" זיינען געווען דאָס רוב בחורים, וועלכע זיינען געלאָפן פון דער רעקרוטשינע, איז גאָר קיין ספק ניט — דאָס זיינען אָבער געווים געווען די־וועלביקע, וואָס האָבן זיך די ערשטע געלאָזט אין די וויטסטע וועלטטיילן, און האָבן אומעטום געשאַפן יידישע קהילות און דורכגעלייגט אַ וועג פאַר די שפּעטערדיקע גרויסע וואַנדערער=מאַסן.

די אויסוואַנדערונג איז געגאַנגען ניט נאָר דורך דער רומענישער גרעניץ. אָט שרייבט די זעלביקע צייטונג:

„אָט הויבט שוין אָן די אויסוואַנדערונג און טויזנטע וועלן בגנבה באַלד פאַרלאָזן די גרעניצן פון דער רוסישער אימפּעריע, כדי צו זוכן פאַר זיך און פאַר די פאַמיליעס אַ אָרט און אַ נחלה. שוין איז די צאָל פון די דורכפאָרנדיקע דאָ פּוילישע יידן, וועלכע נויטיקן זיך אין שטיצע פון די קהילות, פיר מאָל גרעסער פון דער געוויינליכער צאָל. און גרייט איז מען געווען פאַר זיי צושטעלן מיטלען, אָבער די דאָזיקע איינצלנע שטיצע פון דער בערלינער געמיינדע וועט באַלד ניט קלעקן, ווען אַפילו די נדבות זאָלן זיין ווי גרויס. דעריבער איז נויטיק, אַז אַלע יידן און איבערהויפּט אַלע פילנדיקע מענשן זאָלן זיך פאַראייניקן, כדי צו העלפן זייערע ברידער, וואָס ווערן גערודפט פאַר זייער אמונה; אַז די דייטשע יידן זאָלן זיך צונויפריידן, מיט די ענגלישע און פראַנצויזישע יידן וועגן דעם דאָזיקן ענין, כדי מיט געמיינזאַמע כוחות זאָלן געפונען ווערן די מיטלען, וועלכע זיינען נויטיק אויף אָרגאַניזירן אַ גרויס געבויטע סיסטעם פון אויסוואַנדערונג, ווייט פון דער רדיפות=היים, כדי צו געפינען אַ מקום מנוחה פאַר די קרבנות פון די רדיפות. זאָל די פרעסע ווייניקער זיך פאַרנעמען מיט אויסרעכענען די מניעות, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אַזאַ אונטערנעמען, און מער אויפקלערן די רפואה=טענדענץ פון דער דאָזיקער אידעע און וועקן אינטערעס פאַר דעם געדאַנק" [8].

דאָ ווערט געשטעלט די פראַגע וועגן פאַראייניגן די דייטשע, ענגלישע און פראַנצויזישע יידן פאַר אַ אויסוואַנדער=אונטערנעמען. אָבער נאָך פריער מיט צוויי יאָר איז מודיע די־זעלביקע צייטונג פאַקטן, וועלכע באַווייזן, אַז די רוסיש=יידישע פראַגע איז שוין געוואָרן אַ טעמע פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן יידנטום.

די צייטונג שרייבט אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון פראַנקפורט אַם מאַין:

„דער שוין פון לאַנג פּראָיעקטירטער קאָמיטעט אויף העלפן די שווער גערודפטע רוסישע און פּוילישע גרעניץ=יידן האָט זיך נאָך ביז איצט ניט געקאָנט גאַנץ אויספאָר=

[8] „Allg. Zeitung des Judentums", 1846, S. 12. אונטערגעשטראָכן פון מיר — י. ל.

מירן, כאָטש ס'פעלט דאָ ניט קיין וואַרימער אינטערעס פאַר די אומגליקליכע ברידער. ווי אַזוי אָבער דער דאָזיקער אינטערעס זאָל אין מעשים פאַרקערפּערט ווערן איז מען נאָך ניט געקומען צו איין מיינונג, ניט דא און ניט אין פּאַריז און לאָנדאָן. נאָר אין איין פּרט האָבן אַלע איין מיינונג, אַז די דאָזיקע הילף טאָר ניט זיין אויפן וועג, וואָס האָט אָנגעוויזן דער ראַבינער הירשפעלד פון וואָלשטיין, נאָר אַז מען מוז גרינדן יידישע קאָלאָניעס פאַר די גערודפטע אויסער די גרעניצן פון רוסלאַנד. אַזוי ווי אָבער אויף אויספירן דעם דאָזיקן געדאַנק מוז מען פריער פון אַלץ האָבן רעכט אַרויסצופאָרן פון די רוסישע גרעניצן, האָט מען זיך פון האַג געווענדט קיין סט.-פּעטערבורג מיט אַזאַ בקשה און מען האָפט, אַז אין דער קייזערליכער רעזידענץ וועט זיך געפינען אַ הויכגעשטעלטע פּערזאָן, וועלכע וועט אונטערשטיצן די דאָזיקע בקשה, וואָס איז דערלאַנגט דעם קייסער אַליין. מען מוז דערווייל וואַרטן אויפן רעזולטאַט; און דערווייל זאָל אַ פּראָבע געמאַכט ווערן זיך פאַרבינדן מיט די אַקציאָנערן פון דער געזעלשאַפט אויף צו גרינדן דייטשע קאָלאָניעס אין טעקסאַס וועגן אויפנעמען יידישע קאָלאָניסטן אַהינצו. דער ערשטער שריט איז אין די לעצטע טעג געמאַכט געוואָרן מיט דעם, וואָס מען האָט זיך וועגן דעם ענין געווענדט צום פּרינץ קאַרל פאָן סאָלמס-בראַונפעלד, וועלכער האָט צייטווייליק איבערגענומען דאָס אָנפירן מיט דער דאָזיקער אונטערנעמונג" [9].

אין דעם זעלביקן יאָר ווערט דערציילט אין דער צייטונג „Allg. Zeitung d. Judentums", 1844, S. 300 וועגן אַ פּראָטעסט-מיטינג קעגן די רדיפות אויף די פּוילישע יידן אין קינגסטאָן אין יאַמאַיקע, אויף וועלכן ס'זיינען געווען אַלע דאָרטיקע יידן, און אויף וועלכן ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל פאַרעפנטליכן אַ רעזאָלוציע מיט אַ אויסדרוק פון מיטגעפיל די גערודפטע יידן און זאָל רופן אַלע יידישע געמיינדעס פון אַמעריקע אויך אָפּהאַלטן אַזעלכע פּראָטעסט-מיטינגען.

פון די געבראַכטע ציטאַטן קאָן מען שוין מאַכן פאָלגנדיקע אויספירן:

1) פון רוסלאַנד האָט זיך אין די פערציקער יאָרן די אויסוואַנדערונג שטאַרק פאַרגרעסערט.

2) דאָס אויסלענדישע יידנטום איז געווען שטאַרק באַשעפטיקט מיט דער לאַגע פון די רוסישע יידן, און אויסוואַנדערונג, אַלס א אויסלייז פון דער טרויעריקער לאַגע, איז געשטאַנען אין צענטר פון די מיטלען, וואָס זיינען באַטראַכט געוואָרן.

3) מען האָט שוין דעמאָלט געפּלאַנט אַ אינטערנאַציאָנאַלע פאַראייניקונג פון יידן אויף אָרגאַניזירן ניט נאָר אַ אויסוואַנדערונג, נאָר אויך קאָלאָניזאַציע פון רוסישע יידן.

מיר וועלן ווייטער זען, ווי די פּראָפּאַגאַנדע פון אויסוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע האָט געבראַכט צום געדאַנק וועגן אויסקויפן די רוסישע יידן און זיי באַזעצן אין אַלזשיר, וועלכע איז ניט לאַנג געוואָרן פאַרנומען פון פראַנקרייך. מיר וועלן אויך ווייטער באַווייזן, אַז פאַקטיש איז דעמאָלט געגאַנגען פון דייטשלאַנד ניט קיין

[9] „Allg. Zeitung des Judentums", 1844, S. 297.

קלענערע אויסוואַנדערונג ווי פון רוסלאַנד, און דעריבער איז אויך דא אויפגעקומען אַ פּלאַץ וועגן באַזעצן יידן אויף ערד אין פּויזן.

צי זיינען פאַראַן אָביעקטיווע באַווייזן, אַז ווירקליך אין די דאָזיקע צען יאָר 1840—1850 האָט זיך די יידישע אויסוואַנדערונג פון רוסלאַנד, פּוילן און גאַליציע פאַרשטאַרקט? קיין סטאַטיסטישע דאַטן וועגן דער יידישער אויסוואַנדערונג פון די דאָזיקע לענדער פאַר יענער צייט איז ניטאָ. אָבער אומדירעקטע ראיות קאָנען מיר ברענגען. דער באַקאַנטער רייזנדער בנימין באַשרייבט אין זיין בוך [10]) דאָס אויפקומען פון די יידישע קהילות אין צפון-אַמעריקע. אויפן סמך פון די דאָזיקע דאַטן קומט אויס, אַז ביזן 19-טן יאָרהונדערט זיינען דאָ געגרינדעט געוואָרן סך-הכל דריי קהילות, אַלע פון ספרדישע יידן. אין 1802 יאָר ווערט געגרינדעט די ערשטע דייטש-יידישע קהילה; אין 1819 — די ערשטע פּויליש-יידישע קהילה. ביז 1830 ווערן סך-הכל געגרינדעט זיבן קהילות, פון וועלכע ס'זיינען געווען: 3 ספרדישע, 2 דייטש-יידישע און איין פּויליש-יידישע, אָדער פון מזרח-אייראָפּעאישע יידן. ס'איז גאָר קיין ספק ניט, אַז די פּויזענער יידן האָבן זיך גערעכנט פאַר „דייטשן“, און בנימין האָט זיי צוגערעכנט צום דייטש-יידישן נוסח. אַזוי אַז אין דער אמתן איז דער אָנטייל פון מזרח-אייראָפּעאישע יידן געווען באַדייטנדיקער, ווי ס'קומט אויס לויט די ידיעות פון בנימין. אָבער אַ קהילה ווערט דאָך געגרינדעט, ערשט ווען די צאָל גלידער אין שטאָט דערגרייכט צו אַ גענוגנדיקער גרויס און ערשט נאָך דעם, ווי אַ געוויסע צאָל מענטשן האָבן אַ לענגערע צייט אָפּגעלעבט אין לאַנד, זיך איינגעלעבט אין די נייע באַדינגונגען און דערגרייכט אַ באַדייטנדיקע מדרגה פון וואוילשטאַנד. צוליב דעם דאַרף מען אָננעמען, אַז דער וואוקס פון די קהילות אין אַ באַשטימטן צענדליק יאָר באַווייזט די גרויס פון דער איינוואַנדערונג אינם פאַרגאַנגענעם צענדליק יאָר. און אָט איז דער וואוקס פון די יידישע קהילות אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון 1830 ביז 1859:

טאַבעלע II.

ניי-געגרינדעטע קהילות אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

יאָרן	איינגאַנצן	פון דעם — פּוילישע
1830—1840	5	2
1841—1850	22	3
1851—1859	16	8

אויב אין די יאָרן 1850 ביז 1859 האָבן די פּוילישע יידן געגרינדעט דאָ גאַנצע אַכט קהילות, — מער וויפיל אין די ערשטע פופציק יאָר פון 19-טן יאָרהונדערט, — איז דאָס אָן שום ספק אַ באַווייז, אַז אין די יאָרן 1840—1850 איז די יידישע איינ-וואַנדערונג פון די „פּוילישע“ לענדער שטאַרק אויסגעוואַקסן. געוויס איז שוין

[10]) J. J. Benjamin, Reise in den östlichen Staaten der Union und San-Franzisco Hannover 1863.

דעמאָלט אויך געווען אַ באַדייטנדיקע יידישע אויסוואַנדערונג פון אונגאַרן — ווי באַקאַנט, האָבן די אונגאַרישע יידישע אַרבעטער פאַרנומען אין דער שניידער־אינ־דוסטריע ביז דער גרויסער עמיגראַנטן־כוואַליע פון 1881 זייער אַ אָנגעזעענעם אָרט — לײדער, איז ניט פעסטצושטעלן, צו וואָסער קאַטעגאָריע יידן — דייטשע אָדער פוי־לישע — האָט זיי בנימין פאַררעכנט.

אַז ס'האָט זיך, אַזוי צו זאָגן, אין דער לופטן געטראָגן דער געדאַנק, אַז אויס־וואַנדערונג — אָרגאַניזירטע, רעגלמעסיקע אויסוואַנדערונג, מיט לאַנדווירטשאַפטלאכער קאָלאָניזאַציע אַלס איר קרוין, מוז ווערן אַ געזעלשאַפטלאַכע באַוועגונג פון אַלוועלטלאכן יידנטום, זעט מען פון די בריוו פונם אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט אין דער „אַלגעמיינער צייטונג דעס יודענטומס“. ער שרייבט:

„וואָס גרעסער ס'ווערט די אויסוואַנדערונג פון אייראָפּעאישע יידן, וואָס גרעסער איר פאַרנעם ווערט פון יאָר צו יאָר, אַלץ נויטיקער ווערט צו ווענדן דערויף די אויפ־מערקזאַמקייט. האָט קיין מורא ניט, אַז איך וועל באַלד קומען מיט אַ פּראָיעקט, — צו גוט קען איך די קאָנטינענטאַלע יידן בכדי צו פאַרשטיין, אַז אַן אַלגעמיינע אידעע האָט קיינע שאַנסן ניט פאַרווירקלעכט צו ווערן. די פאַרבינדונג צווישן יידן איז צו שוואַך, זייער קוק — צו באַגרעניצט מיט לאָקאַלע אינטערעסן, אַז זיי זאָלן קאָנען אויסבויען אַן אַלגעמיינע זאַך. איך וועל נאָר אַרויסזאָגן עטלעכע געדאַנקען, וואָס זיינען אין די אינטערעסן פון די אויסוואַנדערער“[11].

נאָכדעם ווי דער קאָרעספּאָנדענט באַשרייבט, ווי די אַנדערע פעלקער קאָלאָניזירן אַמעריקע און ווי פון אָרימע פויערים קומען אויף בעלי־בתים פון גרויסע מאַיאָנטקעס, און אויף אַזאַ אופן ווערט געבויט אַ פונדאַמענטאַל לעבן פאַר די קומענדיקע דורות פון די דאָזיקע איינגעוואַנדערטע פעלקער, גיט ער צו:

„מען זעט אָבער זייער זעלטן, אַז יידן זאָלן קומען גרופּעסווייס. און ווען ס'טרעפט יאָ אַמאָל, פאַרבינדט מען זיך נאָר צוליב דעם איבערפאָרן און ווי נאָר מען קומט אַהין, צעשיט מען זיך. נאָך זעלטענער זיינען די פאַלן, אַז איינגעוואַנדערטע יידן זאָלן קויפן ערד און זאָלן זיך נעמען זי באַאַרבעטן. זיינען דאָס בעלי־מלאכות — זוכן זיי אַרבעט אין זייער פאַך; זיינען דאָס סוחרים אָדער קרעמער — זעצן זיי פאָר אויך דאָרטן זייערע באַשעפטיקונגען, מעדיצינער און לערער בלייבן נאַטירליך ביי זייער קונסט און וויסנשאַפט.

„דאָס מוז אָבער, פון איין זייט, ברענגען צו שלעכטע רעזולטאַטן. אַ סך וועלן דאָ מוזן טרעפן דעם דלות, פון וועלכן זיי זיינען אַנטלאָפן. פון דער צווייטער זייט, מוז מען גלויבן, אַז אויך די יידישע איינוואַנדערער וועלן אָנהויבן פאַרלאָזן אייראָפּע מיט בעסערע און צייטיקערע געדאַנקען און וועלן פאַרשטיין צו זוכן אינם נייעם לאַנד אַ נייַ פאָטערלאַנד, וואו זיי זאָלן קאָנען זיין נוצלאכע בירגער און בויען אַ זיכערע נעסט פאַר זיך און פאַר די קומענדיקע דורות.

[11]) „Allg. Zeitung des Judentums“, 1846, Leipzig, S. 595—596.

„מען מוז דעריבער אין אייראָפּע אויפמערקזאַם מאַכן, אַז די יידישע אויסוואַנדערער זאָלן זיך גרייטן אָפּגעבן מיט לאַנדווירטשאַפט און זאָלן קומען באַוואָפנט אין דעם פּרט אַהערצו, וואו זיי קאָנען נאָך געפינען אַ זייער רייכן אַרבעטס־פעלד און וואו אַ סך מענטשן קאָנען נאָך פאַרזאָרגן זייערע קומענדיקע דורות און זיי מאַכן פאַר באַוואָרנטע גלידער פון דער געזעלשאַפט צו זייער אייגענעם גליק און כבוד. דערצו וואָלט געווען גוט, ווען די אויסוואַנדערער זאָלן זיך אָפטער פאַראייניקן אין גרופּעס, כדי אין אַזאַ פאַראייניקונג געפינען דעם מיטל פאַרן אָנגעוויזענעם צוועק און מיט געמיינזאַמע כוחות גובר זיין די שוועריקייטן. אָט אַזעלכע ניט אנגעהאנגענע, נאָר פרייע אויפגעקומענע יידישע קאָלאָניעס, ווי דאָס טוען שוין אַלע לענדער (פעלקער? — י. ל.) פון אייראָפּע, וואָלטן געבראַכט גרויסע רעזולטאַטן אין דער צוקונפט פאַר די איבעריקע יידן.

„פאַרן דאָזיקן צוועק וואָלט געווען זייער נוצלאַך, ווען אין די האַפנס, ווי האַמבורג, — ברעמען רוף איך ניט אָן, מחמת דאָרטן טאָרן קיין יידן ניט וואוינען — ליווערפּול און אַנדערע זאָלן געבילדעט ווערן קאָמיטעטן, וועלכע זאָלן פאַראייניקן יענע יידישע אויסוואַנדערער, וואָס שטעלן זיך אַזעלכע צילן. אַזוי ווי גאַנץ אָרימע עמיגראַנטן קאָנען זיך ניט שטעלן אַזעלכע צילן, דאַרף מען גאָר ניט, אַז אַזאַ קאָמיטעט זאָל אַרבעטן אומזיסט. גרינגער וואָלט עס געווען, ווען אַזאַ קאָמיטעט וואָלט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט ספּעציאַליסטן פון דאַנען, כדי צו באַקומען נויטיקע ידיעות און אָנווייזונגען“ [12].

דאָ האָבן מיר אין אַ עמבריאָנאַלן צושטאַנד אַ סך געדאַנקען, וואָס זיינען ערשט צו אונזער צייט צייטיק געוואָרן: צוגרייטן די יידישע עמיגראַנטן פאַר לאַנדווירטשאַפט אין דער אַלטער היים; אָרגאַניזירן זיי אין גרופּעס און זיי העלפן מיט אינפאָרמאַציע און פאַרבינדן זיי מיטן קאָלאָניזאַציע־לאַנד; יידישע קאָלאָניעס אַלס אַ באַזע פאַר די קומענדיקע דורות עמיגראַנטן א. א. וו. אָבער דאָ רעדט דער מחבר וועגן יידישע אויסוואַנדערער בכלל. אין דער נאָענטסטער קאָרעספּאָנדענץ שטעלט ער זיך אָפּ ספּעציעל אויף די רוסיש־יידישע עמיגראַנטן, און פון דעם ווערן מיר געוואויר, אַז די רוסיש־יידישע פראַגע איז געווען די צענטראַלסטע, אַז אייגנטליך איז די דאָזיקע עמיגראַציע, וועלכע האָט שוין דעמאָלט געגעבן, ווייזט אויס, צו פילן, אַז זי טראָגט אין אירע פליגלען אַ רעוואָלוציע אינם לעבן פון דעם אייראָפּעאישן יידנטום, — געווען די סיבה ניט נאָר פון דאגות און יסורים ביי די יידן פון דער אַלטער און נייער וועלט, נאָר אויך דער מקור פאַר נייע פּלענער און נייע אידעען פאַר דער יידישער צוקונפט. אַזוי שרייבט דער זעלביקער קאָרעספּאָנדענט:

„אַזוי ווי איך האָב אין מיין לעצטן בריוו געשריבן איבער דער יידיש־אייראָפּעאישער איינוואַנדערונג, דערלויבט מיר צו מאַכן עטלאכע באַמערקונגען צום ענין פון די רוסישע יידן. ווי לעבעדיק די דאָזיקע פראַגע איז באַטראַכט געוואָרן סוף פאָריקן און אָנהויב לויפנדיקן יאָר, און איצט — שאַ שטיל! די אַלע אַרטיקלען, וועלכע

---

[12]) דאָרטן; אונטער־געשטראָכן אומעטום פון מיר — י. ל.

איר האָט געשריבן מיט קענטעניש, מיט האַרץ און ענערגיע, און וועלכע מיר האָבן דאָ באַקומען אין ענגליש און אין פראַנצויזיש נאָך פאַרן אָריגינאַל, — האָבן דאָ שטאַרק אינטערעסירט און האָבן געוועקט געדאַנקען, צו וועלכע דער ד״ר ליליענטאַל האָט געגעבן אַ שטויס און מיט וואָס ער איז דאָ באַקאַנט געוואָרן. מען האָט דאָ געקוקט אויף אייערע פאָרשלאַגן מיט גאַנץ אַנדערע אויגן, ווי אין אייראָפּע און דער עיקר — אין דייטשלאַנד. אויב דאָרטן האָט די מערהייט באַטראַכט דאָס איבערפּלאַנצן פון די רוסישע יידן, אָדער כאָטש אַ טייל פון זיי, איבערן ים פאַר אַ כימערע, פאַר אַ פאַנטאַזיע פון אַ הייס האַרץ, פאַר אַ באַגער פון אַ צעהיצטן קאָפּ — האָט מען דאָ, וואו מען זעט יעדן טאָג טויזנטער איינוואַנדערער אַריינפאָרן, וואוהין נאָר דייטשלאַנד אַליין, אָן אַלע איבעריקע אייראָפּעאישע לענדער, שיקט יאָר־איין יאָר־אויס 40,000 איינוואַנדערער, — זיך גאַנץ גרינג פאָרגעשטעלט, אַז אַזאַ פּלאַן קאָן גרייליך פאַרווירקלאַכט ווערן. ס׳וועלן דאָך פאָרן נאָר אָרימעלייט, וואָס קאָנען ניט דעקן די רייזע־הוצאות, אָדער כאָטש אַ טייל פון זיי; די סובסידיעס פון די יידן פון אַלע טיילן וועלט וועלן מיט דער צייט ווערן באַדייטנדיק; פרייע פּלעצער זיינען אין צפון־ און דרום־אַמעריקע גאַנץ גענוג דאָ — און די וועלט האָט גרעסערע פעלקער־וואַנדערונגען געזעען. בכלל איז דאָ שווער נאָר דער אָנהויב. „הויב אָן, זאָגט מען דאָ, און דער סוף איז ניט ווייט“.

„ווי געזאָגט, האָט מען דאָ אַ סך גערעדט וועגן דער זאַך און מען האָט שוין געציילט די גרויסע נעמען פון אָנגעזעענע מענטשן, וואָס וואָלטן געקאָנט נעמען די זאַך אין די הענט. אַז ס׳איז געקומען די ידיעה, אַז אין עטלאַכע גרויסע שטעט האָבן זיך שוין געבילדעט קאָמיטעטן, איז מען שוין געווען זיכער מיטן אָנהויב, ווייל דאָ האַלט מען, אַז דער פּראַקטיקער דייטש וועט ניט צולעגן זיין האַנט צו אַ זאַך, ביי וועלכער ער איז ניט באַוואָרנט, אַז ער האָט שוין אין יד אַ שטיק פאַרווירקליכונג. מען האָט שוין דאָ געגרייט זיך צונויפנעמען, כדי קומען צו הילף די אייראָפּעער. די האָפענונג אויף מיטינגען, רעדעס וכדומה האָט שוין גערייצט דעם עולם, ווארים אַזעלכע זאַכן האָט ליב דער אַמעריקאַנער. מען האָט געשמועסט, אַז משה מאָנטעפיאָרע פאָרט קיין סט. פּעטערבורג. אויך דאָ, ווי אין אייראָפּע, האָט מען געהאַלטן, אַז אַזאַ אוממיטלבאַרע מיסיע דאַרף אויסמיידן יעדע דעמאָנסטראַציע, ווייל דאָס דורכפאַלן פון דער ערשטער קאָן געשטעלט ווערן אויפן חשבון פון דער לעצטער. אַלע האָבן געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד. אָבער אַלע האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אַז אין גרונד פון זיינע אונטערהאַנדלונגען און פּעטיציעס וועט סער מאָזעס ליגן — דערשלאָגן זיך, מען זאָל דערלויבן אויסוואַנדערן. ווארים ביי יעדער פאָדערונג פון אינעווייניקסטע רעפאָרמעס קאָן מען אים אָפּענטפערן, אַז ער איז ניט באַקאַנט מיט דער לאַגע; ביי יעדער אינעווייניקסטער רעפאָרמע קאָן מען געבן הבטחות, וואָס זאָלן מיט דער צייט ניט אויסגעפירט ווערן. אָבער אַ בקשה צו דערלויבן אויסוואַנדערן קאָן אַפילו אַזאַ מענטש פאָדערן, וואָס פרעטענדירט ניט אויף קענען גוט די דאָרטיקע לאַגע, און אַזאַ הבטחה מוז זיין באַשטימט.

„די דאָזיקע האָפענונגען זיינען אָבער מיטן וואַרטן אָפּגעקומען. מען האָט אַזוי לאַנג געמוזט וואַרטן, ביז מען האָט פאַרלאָרן די האָפענונג. מען האָט אַזוי לאַנג געשוויגן, ביז דאָס שווייגן האָט די זאַך באַגראָבן און דעם אינטערעס פאַרניכטעט. אַז כער מאָזעס האָט זיך אומגעקערט, שטיל און אָן רעש זיך אומגעקערט; אַז ער האָט פון זיך גאָרניט געלאָזט הערן און קיין באַריכט ניט אָפּגעגעבן; אַז ער האָט רואיק דורכגעלאָזט די צייט פון אַ דיסקוסיע איבער זיין דורכפאַל; אַז אין אייראָפּע איז דערמיט איינגטלאַך די גאַנצע זאַך באַגראָבן געוואָרן, — האָט מען שוין אין אַמעריקע דעם גאַנצן ענין פאַרגעסן און קיינער דערמאָנט זיך ניט מער אין דעם“ [12a].

מיר האָבן געבראַכט אַזאַ לאַנגע ציטאַטע, ווייל זי עפנט פאַר אונז אַ בלעטל יידישע געשיכטע, וואָס איז גאָרניט באַלויכטן פון אונזערע היסטאָריקער. אמת, דאָס זיינען געווען שטימונגען און ניט פאַקטן — פּראָיעקטן פון איינצלנע מענטשן איבערצופירן גרויסע מאַסן רוסישע יידן קיין אַמעריקע; געדאַנקען, אַז מען האָט שוין געזען גרעסערע פעלקער־וואַנדערונגען און לכן איז עס גאָרניט קיין פאַנטאַזיע, אַז עטליכע מיליאָן רוסישע יידן זאָלן אַריבערפאָרן און זיך באַזעצן אין אַמעריקע; אַקטיווע שטימונגען, וואָס ברענגען צו בילדן קאָמיטעטן, וועלכע זאָלן באַגעגענען די עמיגראַנטן און אפשר זיי העלפן זיך קאָלאָניזירן און שאַפן יידישע קאָלאָניעס. אָבער זיינען דען די דאָזיקע פלענער, געדאַנקען און פּראָיעקטן ניט אָנגעזאַפּט מיט אַקטועלן סאָציאַלן אינהאַלט? הערן מיר דען ניט אינם דאָזיקן בענקען נאָך פרייער איבערוואַנדערונג, אינם דאָזיקן רופן צו לאַנדווירטשאַפטלאַכער קאָלאָניזאַציע, אינם דאָזיקן שטעלן דעם טראָפּ אויף איבערוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע אַלס די וויכטיקסטע שליאַכן אויף אַרויספירן די רוסיש־יידישע מאַסן פון דער קלעם, אין וועלכער זיי זיינען געווען אין משך פון גאַנצן 19־טן יאָרהונדערט, — צי הערן מיר ניט אין דעם אַלעם דעם מעכטיקן קול פון צאַפלדיקן לעבן, וואָס האָט מיט אַזאַ קראַפט זיך דורכגעריסן אָנהויב ניינציקער יאָרן און האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר אַ ברייטערער איבערוואַנדערונג און פאַר אַ אינטענסיווערער אָרגאַניזירטער קאָלאָניזאַציע אין פאַרשיידענע לענדער? און הערט מען דען ניט אין די דאָזיקע רופן צו אַ יידישער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע פאַר עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע די חבלי־לידה פון דער שפּעטערדיקער „יק״א, טעריטאָריאַליסטיש־גאַלוועסטאָנישער באַוועגונג ביז דער איצטיקער „היאס־יקא־עמיגדירעקט“־פאַראייניקונג?

אָבער אַ סך שאַרפער און קלאָרער און מיט אַ סך מער טעמפּעראַמענט האָט געשטעלט די וואַנדערונג־פראַגע אַלס תשובה אויף דער רוסיש־יידישער פּראָבלעם — דער רעדאַקטאָר גופא פון דער ציטירטער צייטונג. דאָס האָט ער מיט זיינע אינהאַלטסרייכע און טעמפּעראַמענטפולע אַרטיקלען איבער דער טראַגישער לאַגע פון די רוסישע יידן אויפגעטרייסלט די געזעלשאַפטליכע מיינונג פונם דעמאָלטיקן יידנטום און אויפגעוועקט דעם געוויסן פון אַ סך פון דער זייט און פון יענער זייט ים און זיי געצוואונגען זיך פאַרטראַכטן איבער דער פאַרצווייפלטער לאַגע פון העכער צוויי מיליאָן רוסישע יידן און זיך דערטראַכטן ביז ראַדיקאַלע תשובות און וועגן.

[12a] דאָרטן, ז. 858.

אין 1845־טן יאָר דרוקט דער רעדאַקטאָר פיליפסאָן אין דער „אַלגעמיינער צייטונג דעם יודענטומס“ פינף גרויסע אַרטיקלען, אין וועלכע ער גיט אַ איבערבליק איבער דער לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד, איבער אַלע באַגרעניצונגען און רדיפות, איבער דעם שמד־צוואַנג, איבער דעם יאָגן פון די דערפער און פון די גרעניצן וכדומה, וכדומה. כדי צו באַרואיקן די עלעמענטן, וואָס האָבן מורא געהאַט, מען זאָל אָפן אַרויסטרעטן קעגן ניקאָלאַיען און אים חלילה ניט צערייצן, שרייבט ער:

„אָבער וואָס קאָן מען נאָך ערגער מאַכן? די נגישות האָבן דערגרייכט יענע גרעניץ־ליניע, ווען אַפילו די מענטשלאַכע רשעות מוז זיך ענדיקן — סיידן מען זאָל נאָך נעמען דאָס שחיטה־מעסער אין דער האַנט. דער קרבן — דאָס יידנטום — שטייט שוין אויפן ראַנד פון קבר, עס גייט שוין אָפּ מיט בלוט“...

ממש מיט פיבער שרייבט דער רעדאַקטאָר זיין איבערבליק איבער דער מאַרטירער־תקופה פון ניקאָלאַיס עפּאָכע און ענדיקט די דאָזיקע גלענצנדיקע סעריע אַרטיקלען אַזוי:

„נאָר יעדער מענטש וועט זיך שטעלן די פראַגע: **אפשר קען מען דאָך העלפן?** אַז מיט תחנונים און פעטיציעס קאָן מען אַזוי ווייניק העלפן, ווי מיט שטראָף־רייד און מוסר, איז צו זען פון די דאָזיקע אַרטיקלען. מיר וואָלטן זיי ניט געגעבן, ווען ס'וואָלט נאָך געווען אַ וועלכע ס'ניט איז האָפענונג זיך עפּעס צו דערשלאָגן. אַז דער פּלאַן צו שטיצן מיט געלט פון דרויסן די קאָלאָניזאַציע פון יידן אין רוסלאַנד גופא, אַ פּלאַן, מיט וועלכן מען האָט זיך ניט לאַנג אַרומגעטראָגן, איז דורך און דורך פאַלש — פאַרשטייט מען באַלד, ווי מען ווערט געוואויר, אַז דער ציל פון רוסלאַנד איז אָפּשמדן די יידן. יאָ, די איינציקע הילף קאָן נאָר זיין — ווייל רוסלאַנד וויל דורכאויס האָבן **איין רעליגיע**, — **אַז די יידן זאָלן פון רוסלאַנד אַרויס. אַלזאָ, אַן אויסוואַנדערונג פון די רוסישע יידן קיין אַמעריקע, קיין אויסטראַליע, אויף די אינזלען פון דרום־ים.** אויב מען קאָן עפּעס באַקומען פון רוסלאַנד אַ **פאַרגרינגערונג**, איז עס — **די דערלויבעניש אויסצוואַנדערן**...

„מען וועט שטעלן אין ספק די **מעגלאַכקייט דאָס אויסצופירן**. פאַרשטייט זיך, אָנווייזן די וועגן, וואָס מען קאָן גלייך נעמען און אויספירן, קאָנען מיר ניט. אָבער די **ווירקלאַכקייט** איז אָפט שטאַרקער, מעכטיקער און ערפינדערישער, ווי אַלע פלענער און פּראָיעקטן. די אויסוואַנדערונג וואָלט געמוזט וואַקסן און וואַקסן, אַזוי אַז אַלע פערטל יאָר זאָל אָפּפאָרן אַ באַשטימטע צאָל יידן. זאָל עס געדויערן 30—40 יאָר. די געלט־מיטלען? זאָל נאָר אַזאַ פּלאַן אָנהויבן פאַרווירקלאַכט ווערן, וועלן די אייראָפּעאישע יידן געווים גרייט זיין ברענגען קרבנות, און אויך פון אַנדערע ערטער וועט קומען הילף.

„מיט עטלאַכע יאָר צוריק, נאָך איידער די כוונות פון דער רוסישער רעגירונג זיינען געווען אַזוי קלאָר, האָבן צו מיר איינמאָל געשריבן עטלאַכע מענטשן אין נאָמען פון צען טויזנט יידן פון **איין** געגנט: זאָל מען זיי נאָר געבן אַ שטיקל

לאַנד, — מיט זייערע אייגענע הענט וועלן זיי עס באַאַרבעטן, און זאָל עס זיין וואו מ'וויל אין דער וועלט, נאָר אַבי פריי זאָלן זיי זיין פון דעם דריקנדיקן יאָך.
„יאָ, פאַר דער דאָזיקער אידעע מוז זיך געפינען אַ מענטש מיט איינפלוס, וואָס זאָל איר אָפּגעבן זיין לעבן! דאָס וואָלט געווען אַ סך מער, ווי פאָרן קיין מצרים און ירושלים! דאָס וואָלט געהייסן באמת טרוקן מאַכן טרערן פון הונדערטער טויזנטער! יאָ, דאָס וואָלט געווען נאָכאַמאָל אַ מענטשן־פריינד, אַ בעל־צדקה, ווי נאָר וויניקע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט“ [13].

אָט דער דאָזיקער ווײ־געשריי פון איינעם פון די דעמאָלטיקע אָנגעזעענסטע פירער פון דייטשן יידנטום צו די יידן פון דער גאַנצער וועלט וועגן ראַטעווען דאָס רוסישע יידנטום פון אונטערגאַנג האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם — דאָס זעט מען פון די קאָרעספאָנדענציעס פון אַמעריקע, וועלכע מיר האָבן אויבן ציטירט. די רפואה איז דאָ קלאָר און בולט פאָרמולירט: אויסוואַנדערונג!

דער רעדאַקטאָר פון דער ציטירטער צייטונג האָט דאָ גאַנץ אָפן געגעבן אַ שטאָך מאָנטעפיאָרען — אַ סך נוציקער איז פאָרן קיין פעטערבורג זיך דערשלאָגן, מ'זאָל דערלויבן יידן אויסצוּוואַנדערן, ווי פאָרן קיין מצרים און ירושלים. און ס'קאָן זיין, אַז דאָס פאָרן פון מאָנטעפיאָרען קיין רוסלאַנד אין 1846 איז געווען טאַקע אַ רעזולטאַט פון דער גרויסער אַגיטאַציע, וואָס די „אַלגעמיינע צייטונג“ האָט אויפגעהויבן. וועמען דער ראַבינער פיליפסאָן מיינט מיט דעם רוף צו אַ מענטשן, וואָס זאָל אָפּגעבן זיין לעבן דער אידעע פון אַרויסנעמען די יידן פון רוסלאַנד און זיי איבערפלאַנצן אין נייע ווייטע און פרייע לענדער, איז שווער צו וויסן — מעגלאַך, אַז ער האָט דאָ מרמז געווען אויף מאָנטעפיאָרען גופא, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען זייער פאָפולער אַלס באַשיצער און פאַרטיידיקער פון יידישע אינטערעסן. ס'איז אָבער אויך מעגלאַך, אַז פיליפסאָן האָט דאָ מרמז געווען אויף דעם פראַנצויזישן יידן אַלטאַראַס, וועלכער איז שפּעטער מיט אַ יאָר טאַקע געפאָרן קיין פעטערבורג מיט דעם איינאונאיינציקן ציל — זיך דערשלאָגן אַ דערלויבעניש אַרויסנעמען אַ געוויסע צאָל יידן און זיי באַזעצן אין אַלזשיר, וועלכע איז ניט לאַנג (1830) געוואָרן אַ פראַנצויזישע קאָלאָניע. ס'איז זייער מעגלאַך, אַז פיליפסאָן האָט זיך פריוואַט שוין דעמאָלט איבערגעשריבן מיט דעם דאָזיקן אַלטאַראַסן, און מיט דער פראַזע וועגן אַ מענטשן, וואָס זאָל זיין לעבן אָפּגעבן דער אויסוואַנדערונגס־אידעע, האָט ער געוואָלט מאַכן אַ ווירקונג אויף אים.

אָבער צו דער מעשה־אַלטאַראַס וועלן מיר זיך נאָך ווייטער אומקערן — דאָ אינטערעסירט אונז דער פאַקט, וואָס פיליפסאָן ברענגט, אַז נאָך צוריק מיט עטלאַכע יאָר האָבן זיך צו אים געווענדעט מיט אַ בקשה עטלאַכע יידן אין נאָמען פון צען טויזנט נפשות, אַז זיי ווילן עמיגרירן און פאַרנעמען זיך אין נייעם לאַנד מיט לאַנדווירטשאַפט. רוסישע יידן, וואָס שרייבן אין יענע צייטן צו אַ רעדאַקטאָר פון אַ דייטשער צייטונג, — דאָס איז גאָרניט קיין געוויינטלאַכע דערשיינונג. מען מוז אָננעמען, אַז בראש פון דער דאָזיקער גרופע, וועלכע איז אפשר באַשטאַנען פון אַ סך

[13]) „Allgemeine Zeitung des Judentums“, 1845, S. 46—50.

ווייניקער ווי צען טויזנט נפשות, זיינען געשטאַנען אינטעליגענטן, וועלכע האָבן צווישן די רוסישע יידן אַגיטירט פאַר דער דאָזיקער אידעע, — פאַר אויסוואַנדערן און קאָלאָניזירן. אין די ביכער און אַרטיקלען פון די דעמאָלטיקע רוסישע משכילים געפינען מיר זייער אַ סך וועגן אַריבערגיין צו לאַנדווירטשאַפט, אָבער ניט וועגן אויסוואַנדערן.

מיר האָבן אין ערשטן קאַפּיטל געזען, וואָס פאַר אַ בהלה דער סיבירער עפּיזאָד האָט אַרויסגערופן צווישן די רוסישע יידן. דאָס איז געווים אַ באַווייז, אַז דער ווייטער מהלך האָט יידן ניט געשראָקן, און כאָטש וועגן אַמעריקע האָט מען דעמאָלט צווישן רוסישע יידן געוויס געהאַט מער ווי אַ קנאַפּע פאָרשטעלונג, דאָך האָט אַמעריקע ניט מער געשראָקן, ווי די ווייטע סיביר. און ס'איז גאַנץ נאַטירלאַך, אַז וויבאַלד דער סיבירער פּראָיעקט איז דורכגעפאַלן, האָט זיך ביי אַ טייל יידן אויפגעכאַפּט דער געדאַנק — לויפן אין די קאָלאָניעס פון ניי=רוסלאַנד, און ביי אַ צווייטן טייל איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק — זיך אָרגאַניזירן צוליב אויסוואַנדערן קיין אַמעריקע. גרינגער איז געווען, פאַרשטייט זיך, זיך אַ וואָרף טאָן קיין דרום=רוסלאַנד.

אין 1837=טן יאָר איז אין אַלע יידישע קאָלאָניעס געווען 957 משפחות[14]) און אין יאָר 1844—1661, דאָס הייסט, אַז אין 7 יאָר זיינען צוגעקומען 704 משפחות, כמעט אַזוי פיל, וויפיל ס'איז געבליבן אין די קאָלאָניעס אין רעזולטאַט פון אַ דרייסיק=יאָריקער קאָלאָניזאַציע. געוויס האָט דאָ געשפּילט אַ גרויסע ראָלע דאָס שטרעבן זיך באַפרייען פון די רעקרוטן=כאַפּערס, אָבער ס'זיינען געפאָרן אויך הונדערטער פאַמיליעס, וועלכע האָבן געזוכט אַ נייעם מקור פון פּרנסה, ווייל די אַלטע מקורות האָבן זיך אויסגעשעפּט. מען דאַרף געדענקען, אַז אויב ס'האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין די קאָלאָניעס 704 משפחות, איז אַ סימן, אַז אָנגעקומען זיינען אַ סך מער, ווייל דער אָפּפאָר פון די קאָלאָניעס אין די שטעט אַריין — קיין אָדעס, יעקאַטערינאָסלאַוו, סעוואַסטאָפּאָל און אַנדערע דרום=רוסישע שטעט — האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט, ניט געקוקט אויף דעם קאַמף, וואָס די אַדמיניסטראַציע האָט קעגן דעם געפירט. און אין די יאָרן, וועלכע מיר באַטראַכטן, האָט דער אָפּפאָר אין די דאָזיקע שטעט אַריין געמוזט זיין אַ סך גרעסער, ווייל צו דער דאָזיקער צייט זיינען ערשט די דערמאָנטע שטעט געוואָרן צענטראַלע פונקטן מיט אַ גרויסער צוציאונגס=קראַפט.

פון דער געשיכטע פון דער דאָזיקער, אַזוי צו זאָגן, „דריטער עליה" קיין ניי=רוסלאַנד, ווייסן מיר, אַז חוץ די פאַרטיעס, געשיקטע פון דער רעגירונג, זיינען געווען ניט ווייניק אַזעלכע, וואָס זיינען געפאָרן אויפן אייגענעם חשבון און אויף אייגענער ריזיקע.

„אַ גרויסע גרופּע איבערוואַנדערער (70 משפחות — 500 נפשות) איז געבליבן שטעקן אין יענעם ווינטער — 1841 — אין קיעווער גובערניע, דאָס זיינען געווען די ווילנער אויסוואַנדערער. אָן יעדער שטיצע מצד דער רעגירונג האָבן זיי זיך דערשלעפּט ביז באָריסאָוו, וואו זיי האָבן פאַרקויפט די פערד און נאָכטועניק די קורלענדער איבער=

---

14) С. Я. Боровой, Еврейская земледельческая колонизация в старой России; Москва 1928, стр. 163.

וואַנדערער זיך געלאָזט פֿאָרן ווינטער מיטן וואַסער, מיטן דניעפּר. ווינטער איז צוליב דאָס אָפּשטעלן פֿון דער נאַוויגאַציע איין גרופּע געבליבן אין רזשישטשעוו, קיעווער קרייז, און אַ צווייטע גרופּע — אין טאַלאָקען, ראַדאָמיסלער קרייז. „די דאָזיקע מענטשן, ניט האָבנדיק קיין ווינטערדיקע בגדים און קיין לעבנסמיטלען, קאָנען ניט פֿאָרן ווייטער; אַ סך פֿון זיי זיינען קראַנק געוואָרן, עטלעכע זיינען געשטאָרבן, און די איבעריקע לעבן פֿון בעטלען". אַזוי ווי ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז די דאָזיקע גרופּע איז פֿון זיך אַליין אַרויסגעפֿאָרן, האָט דאָס מיניסטעריום באַפֿוילן זי אומקערן צוריק אין ווילנער גובערניע" [15].

אָט דאָס באַשריבענע בילד איז ניט געווען קיין אויסנאַם — ס'איז געווען זייער טיפּיש און ס'האָט זיך אַ סך מאָל איבערגעחזרט. די קרבנות, וואָס די יידישע מאַסע האָט אַוועקגעלייגט אויפֿן וועג צו די ניי-רוסישע קאָלאָניעס, זיינען געווען תמיד אומגעהויער און אויך איצט זיינען זיי ניט קליין.

פֿאַר די שטימונגען פֿון יענער צייט איז כאַראַקטעריסטיש פֿאָלגנדיקע נאָטיץ אין דער שוין פֿיל מאָל פֿון אונז ציטירטער „אַלגעמיינער צייטונג דעס יודענטומס" פֿון 1845-טן יאָר (ז. 6):

„סט. פּעטערבורג, 12-טער דעצעמבער. צווישן די רוסישע יידן מערקט זיך אַ אומגעוויינליך שטרעבן צו קאָלאָניזאַציע. אין מאָהילעווער גובערניע וויל זיך פֿאַרשרייבן אויף לאַנדווירטשאַפֿט מער פֿון צוויי פֿינפֿטל יידן" (אונטערגעשטראָכן אין טעקסט).

די אַלע פּאַרטיעס איבערוואַנדערער, וואָס זיינען געגאַנגען קיין ניי-רוסלאַנד, זיינען געווען פֿון די ליטווישע, ווייס-רוסישע און אוקראַינישע גובערניעס. צו דער זעלביקער צייט האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ קאָלאָניזאַציע-באַוועגונג צווישן די פּוילישע יידן. אין יאָר 1838 איז געגרינדעט געוואָרן אַ יידישע קאָלאָניע אין סיינער קרייז, אויגוסטאָווער גובערניע, וועלכע האָט אין 1840 פֿאַרמאָגט 136 יידישע נפֿשות, „וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען אויסשליסלעך מיט האָרפּישער ווירטשאַפֿט און האָבן ניט באַנוצט ביי דער אַרבעט קיין קריסטן" [16]. אין 1840 איז געגרינדעט געוואָרן אַ קאָלאָניע פֿון 15 יידישע משפּחות אין דאָרף פּאַלעסיע, וואַרשעווער גובערניע [17]. אין דעם זעלביקן יאָר האָט דער באַקאַנטער וואַרשעווער גביר זלמן פּאָזנער געגרינדעט אַ קאָלאָניע פֿאַר 12 יידישע פֿאַמיליעס אין פּאָלעסיע אין זיין גוט קוכאַרי אין פּלאָצקער גובערניע [18]. דער ציטירטער מחבר זאָגט ווייטער:

„אַ אמת גרויסע באַוועגונג פֿון פֿעלד-אַרבעטער צווישן פּוילישע יידן האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1841. ביז דעמאָלט זיינען אַלע שטרעבונגען צו פֿעלד-אַרבעט געווען נאָר ביי יידישע יחידים. דער כלל יידן, די רבנים, רביים און גבירים האָבן זיך

---

[15] דאָרטן, ז. 152.

[16] ע. נ. פֿרענק, צו דער געשיכטע פֿון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין קאָנגרעס-פּוילן „בלעטער פֿאַר יידישער דעמאָגראַפֿיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק", בערלין 1925, נר. 5, ז. 18.

[17] דאָרטן.

[18] דאָרטן.

ניט אינטערעסירט מיט דער דאָזיקער אידעע, ניט געקוקט אויף דעם גאַנצן מוראדיקן עלנד, וואָס האָט געהערשט צווישן יידן".[19]

דערציילנדיק, אַז די דאָזיקע באַוועגונג איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם פּחד פאַר דער גזירה, אַז מען וועט אויך פּוילישע יידן נעמען צו מיליטער־דינסט, אויב זיי וועלן ניט ווערן קיין נוצלאַכע בירגער און וועלן זיך ניט אָנהויבן פאַרנעמען מיט פעלד־אַרבעט, קלערט אויף פּרענק געניי די אינעווייניקסטע און דרויסנדיקע סיבות, וועלכע האָבן גורם געווען דערצו, וואָס די באַוועגונג האָט געגעבן ווייניק רעזולטאַטן. ער גיט אָבער צו: „און דאָך זיינען פיל יידן געוואָרן פעלד־אַרבעטער. לויט די אָפּיציעלע ידיעות (וולאַדיסלאַוו גראַבסקי: „די געשיכטע פון דער אַקערבוי־חברה 1858—1861", פּויליש, ז. 357) האָבן זיך אין יאָר 1859 געפונען אין קיניגרייך פּוילן 27 971 יידן, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט פעלד־אַרבעט".[20]

דערמאָנען מיר זיך, אַז דעמאָלט איז געווען אין קאָנגרעס־פּוילן בערך פון 600 ביז 650 טויזנט יידן, קומט אויס, אַז ביי 4½ פּראָצענט יידן האָבן געצויגן חיונה פון לאַנדווירטשאַפט — פאַר יענער צייט איז דאָס געווען אַ גאַנץ הויכער פּראָצענט.

נאָך איצט, נאָך אַ גרויסער פּראַקטיק פון די לעצטע פופציק יאָר, וועלכע האָט אַזוי שאַרף און בולט דערוויזן, אַז ניט עמיגראַציע אַליין און ניט אָרטיקער קאַמף אַליין קענען פאַרענטפערן אין אַ פולער מאָס די שווערע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פונם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, אַז די דאָזיקעביידע וועגן זיינען ממלא איינער דעם אַנדערן און מאַכן פּראָדוקטיווער און רעזולטאַט־רייכער איינער דעם אַנדערן, — אפילו איצט איז נאָך ווייט ניטאָ קיין האַרמאָניע צווישן די דאָזיקע צוויי געביטן פון אונזער געזעלשאַפטליכקייט, און גרויסע יידישע פאָלקסבאַוועגונגען שטעלן ניט נאָר דעם טראָפּ אויף דעם אָדער יענעם געביט, נאָר איגנאָרירן כמעט איינעם פון זיי. קען מען זיך שוין פאָרשטעלן, ווי די לאַגע איז געווען אין די צייטן פון ניקאָלאַי דעם ערשטן. אין רוסלאַנד איז נאָך אפילו קיין התחלה ניט געווען פון יידישע פּאָליטישע אָדער געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס. אין אויסלאַנד איז מען לכתחילה געווען זייער פאַלש אינפאָרמירט און אויפגעקלערט וועגן דער לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד און וועגן דעם קאַמף, וואָס די רעגירונג פון ניקאָלאַי דעם ערשטן פירט קעגן דער יידישער באַפעלקערונג, און נאָכדעם ווי מען האָט באַקומען דורך ד"ר ליליענטאַל די ריכטיקע אינפאָרמאַציע און דאָס אמתע טראַגישע בילד פון דעם רוסיש־יידישן גיהנום, איז מען אַריינגעפאַלן אין אַזאַ מרה־שחורהדיקע פאַרצווייפלונג, אַז מען האָט אָנגעהויבן שרייען, אַז נאָר דורך אַרויסנעמען די יידן פון רוסלאַנד קאָן מען פאַרגרינגערן זייער לאַגע און מאַכן אַ סוף צו זייערע גיהנום־ליידן.

מיר האָבן שוין פריער געבראַכט אַ ציטאַטע פון אַ לייט־אַרטיקל פונם דעמאָלטיקן אָנגעזעענסטן יידיש־דייטשן אָרגאַן, אין וועלכן די אויסוואַנדערונג פון די רוסישע יידן ווערט פּראָקלאַמירט ווי די איינציקע רפואה און דער איינציקער אויסוועג פון דער פאַרצווייפלטער לאַגע. דאָס איז אָבער ניט געווען נאָר אַ וויינגעשריי, אַ פאַרצווייפלונג־

---

[19]) דאָרטן, ז. 19.
[20]) דאָרטן, ז. 23.

ויצעקו, וואָס רייסט זיך אַרויס אין א הייסער מינוט, — דאס איז געווען א דורכגעטראַכטער פּלאַן, וואָס האָט פּרעטענדירט אויף רעאַלישקייט און וואָס האָט געשטרעבט אָרגאַניזירן די כוחות פון אַלוועלטליכן יידנטום אַרום זיך. דער רעדאַקטאָר פיליפּסאָן, דער מחבר פון דאָזיקן פּלאַן, באַגנוגנט זיך ניט מיט שרייבן פּלאַם־פייערדיקע אַרטיקלען, אין וועלכע ער באַקעמפט די אַלע, וואָס צווייפלען אין דער מעגליכקייט פון רעאַליזירן אַזאַ גראַנדיעזן פּלאַן און זיינען דעריבער פאַרצווייפלט אין דער האָפענונג בכלל צו קענען העלפן די רוסישע יידן. ער גייט איבער פון הייסע אַגיטאַציע־אַרטיקלען צו דער פּראַקטישער זייט פון דער פראַגע און באַטראַכט און באַהאַנדלט גאַנץ אויספירליך דעם גאַנצן קניל פראַגן און פּראָבלעמען, וואָס שווימען אַרויף ביים פאַרווירקליכן די אויסוואַנדערונג.

קאָנסטאַטירנדיק, אַז אויסוואַנדערונג איז די איינציקע רפואה און אז אין איראָפּע גופא איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר די רוסיש־יידישע מאַסן און אַז מען מוז זוכן אַ מקום־מקלט, ריכטיקער — עטליכע מקום־מקלטים אין די ווייטע לענדער מעבר־לים, שטעלט ד״ר פיליפּסאן די ערשטע און וויכטיקסטע פראַגע: צי טויגן די רוסישע יידן, צי זיינען זיי פעאיק איבערטראָגן די צרות און מאַטערנישן, וואָס זיינען אומפאַרמיידליך ביים איבערוואַנדערן אין ווייטע מקומות און ביים באַזעצן זיך אין אַ נייעם לאַנד?

זיין תשובה איז זייער כאַראַקטעריסטיש. ער ווייזט לכתחילה אָן, אַז אין רוסלאַנד לעבן אַלטע זיבציקיעריקע זקנים, וואָס האָבן קיינמאָל קיין פלייש ניט טועם געווען, און לעבן און ליידן, — איז דאָך א סימן, אַז פאַר צרות און אָפּקומען האָבן די רוסישע יידן ניט מורא. וויכטיקער איז אָבער, וואָס יידן דינען אין דער רוסישער אַרמיי — שוין געווים אַ סימן, אַז זיי טויגן צו עפּעס. אָבער נאָך וויכטיקער איז, וואָס די רוסיש־פּוילישע יידן האָבן אַ סך בעלי־מלאכות און אַ סך בעלי־עגלות, וועלכע זיינען געוואוינט צו פיזישער אַרבעט; און לסוף פעלן ניט צווישן די רוסישע יידן אפילו עלעמענטן, וועלכע זיינען באַקאַנט מיט דער לאַנדווירטשאַפטליכער אַרבעט. ס'איז קלאָר דעריבער, אַז דער מענטשן־עלעמענט רופט ניט אַרויס קיינע זאָרגן און מען קאָן מיט אים צוטרעטן צו דער גרויסער איבערוואַנדערונג־אונטערנעמונג.

די צווייטע באַדייטנדיקע און וויכטיקסטע פראַגע איז: וויאזוי זאָל מען די איבערוואַנדערונג פאַרווירקליכן? ד״ר פיליפּסאָן ענטפערט, אַז דאָס איז גאָר קיין פראַגע ניט:

„ווער זאָל די איינוואַנדערונג אָרגאַניזירן, פירן און צוגרייטן? די איראָפּעאישע יידן! ווער ס'האָט נאָך אַ האַרץ, ווער ס'איז ניט נאָר אַ ייד, נאָר אויך אַ מענטש, מוז אַליין טאָן פאַר דער דאָזיקער זאַך, וואָס איז ממש אַ געבאָט. אז ס'וועלן זיך אויך געפינען קריסטן, יאָ, אפילו קלוגע און גוטע רעגירונגען, וועלכע וועלן נאָכדעם ווי דאס גאַנצע יידנטום וועט זיך נעמען פאַר דער זאַך אויך מיטהעלפן אַ סך, דער עיקר מיט שטיצע ביים אַריבערפאָרן און ביים באַזעצן זיך, איז גאָר קיין ספק ניט“[21].

ווי אַזוי־זשע זאָל מען צוטרעטן צו דער אַרבעט? ראשית, מוז מען אָרגאַניזירן אַ גרויסן „הילפספאַראיין פאַר דער איבערוואַנדערונג פון רוסישע יידן“. דער דאָ־

---

21) זע: Allgemeine Zeitung des Judentums, Leipzig 1846, S. 62.

זיקער פֿאַראיין דאַרף לכתחילה אַרומנעמען די אייראָפּעאישע יידן, אָבער ניט פֿון יחידים דאַרף דער פֿאַראיין באַשטיין, נאָר פֿון די גרעסטע יידישע קהילות. צוערשט דאַרפֿן זיך צונויפֿפֿאָרן די פֿאַרטרעטער פֿון די גרעסטע דייטש-יידישע געמיינדעס, ווי בערלין, קעניגסבערג, ברעסלוי, האַמבורג, פֿראַנקפֿורט-אַם-מיין, און קאָנסטיטואירן דעם פֿאַראיין, אויסאַרבעטן זיינע תקנות און אויסטיילן קאָמיסיעס, וועלכע וועלן אויף זיך איבערנעמען איינצלנע אויפֿגאַבעס און מיסיעס. די ערשטע נאָענטסטע אַרבעט וועט זיין זיך פֿאַרבינדן מיט די קהילות פֿון פֿראַנקרייך, ענגלאַנד, האָלאַנד און אַנדערע מלוכות. דער מחבר האָפֿט, אַז ווי באַלד ס'וועט זיך אָנהויבן די אַרבעט, וועלן זיך צווישן די יידן פֿון די איינוואַנדערונגס-לענדער אויך געפֿינען גענוג מענטשן, וועלכע וועלן מיט זייערע קענטעניש פֿון די אָרטיקע באַדינגונגען וועלן נוצליך זיין זייערע ברידער — אויף אַזאַ אופֿן וועט זיך באַקומען אַ גרויסע און שטאַרקע צווישן-מלוכהשע אַלוועלטליכע יידישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע וועט אָנפֿירן מיט דער גרויסער אַרבעט.

„נאָר זאָלן זיך ניט שטופּן קיין יחידים! עס מוז אַ געזעלשאַפֿטליכע זאַך זיין! נאָר זאָל ניט דורך די שטותערייען פֿון יחידים, ווי דאָס איז שוין געווען איינִיקע מאָל, געשטעלט ווערן אין סכנה די גאַנצע זאַך! כבוד-באַפֿעריי טרעט אָפּ! מענטשנליבע, איבערגעגעבנקייט, יידישקייט — טרעט אַרויס, נעמט די דאָזיקע זאַך אין אייערע הענט, היילִיקט זי, כדי זי זאָל וואַקסן!“ [22].

מיר זעען, אַז דער מחבר פֿון פּלאַן איז גאַנץ ערנסט צוגעגאַנגען צו דער זאַך. אין דער לעצטער ציטאַטע זעען מיר אָבער אַ סתירה ביי פֿיליפּסאָנען צו דעם, וואָס ער האָט פֿריער מיט אַ יאָר געשריבן, ווען ער האָט גראַד גערעדט וועגן אַ מענטשן, וואָס זאָל זיין לעבן מקריב זיין פֿאַר דער איבערוואַנדערונג פֿון די רוסישע יידן. די נאָר וואָס געבראַכטע ציטאַטע איז געשריבן יאַנואַר 1846 — איידער משה מאָנטעפֿיאָרע און אַלטאַראַס זיינען נאָך גאָר געווען אין רוסלאַנד. ס'בלייבט דעריבער ניט קלאָר, וואָס מיינט דער מחבר מיט די ווערטער, אַז יחידישע פּרוּוון האָבן זיך ניט איינגעגעבן און האָבן שאָדן געבראַכט דער זאַך. אָבער דער צוגאַנג איז געווען זייער אַ געזונטער און אַן אויסגעהאַלטן געזעלשאַפֿטליכער — ניט בקשות און שתדלנות פֿון איינצלנע פֿילאַנטראָפּן, וואָס זייערע קאַפּריזן בייטן זיך און זייער ווירקונג איז צווייפֿלהאַפֿט, נאָר אַ גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע יידישע אָרגאַניזאַציע, געבויט אויף פֿאַרטרעטער פֿון יידישע גרויסע געמיינדעס. איין זאַך נאָר האָט פֿיליפּסאָן פֿאַרגעסן: אַז מען מוז דעם חולה ניט מאַכן נאָר פֿאַר אַן אָביעקט פֿון רפֿואות, נאָר פֿאַר אַ סוביעקט פֿונם גאַנצן היילפּראָצעס. די רוסישע יידן זיינען לויטן אַנגעוואָרפֿענעם פּלאַן געבליבן אויסער דער אָרגאַניזאַציע — דעם חתן אַליין, אָדער די כלה האָט מען געלאָזט אין דער היים. אָבער לאָמיר ווייטער זען, וואָס האָבן באַדאַרפֿט זיין די צילן פֿון דער געפּלאַנעוועטער אָרגאַניזאַציע.

דער מחבר פֿאָרמולירט אַזוי די צילן:

---

[22]) דאָרטן, ז. 64.

א) „דערשלאָגן זיך פון רוסלאַנד אַ דערלויבעניש פאַר די רוסישע יידן צו אויסוואַנדערן. דאָס איז דער ערשטער שריט. אָבער ניט קיין גרינגער.

ב) „באַקומען פּלעצער, ערד־שטחים, וואוהין מאַסן רוסישע יידן זאָלן קאָנען איבערפאָרן.

ג) „שאַפן די מיטלען, וואָס זיינען נויטיק צו דער איבערוואַנדערונג.

ד) „אָרגאַניזירן די איבערוואַנדערונג גופא“[23].

דער מחבר גיט צו צום פונקט „ב“, אַז, פאַרשטייט זיך, מען קאָן ניט צוזאָגן די רוסישע יידן קיין גן־עדן, אָבער דערפאַר וועט מען זיי אין נדן אַריינגעבן באַוועגונגס־פרייהייט, פרייהייט פון אויסנוצן די אייגענע כוחות, געוויסנס־ און בירגער־פרייהייט און אויך מיטלען צום אָנהויב. בנוגע צום פונקט „ג“ זאָגט ער, אז דאָס וועט זיין די שווערסטע אַרבעט, און ביי דער גראַנדיעזקייט פון דער אונטערנעמונג קאָן אַפילו די סאַמע צעלאָזטע פאַנטאַזיע זיך ניט פאָרשטעלן, אַז מען וועט קאָנען קריגן גענוג מיטלען. אָבער לא עליך המלאכה לגמור — „מיר מוזן טאָן, וואָס מיר קאָנען! און חוץ דעם מוז מען גלויבן אין דעם, וואָס האָט געשפאַלטן דעם ים און האָט געשפייזט מיט מן!“[24].

אינטערעסאַנט זיינען די דערקלערונגען צום פונקט „ד“. ד״ר פיליפסאָן טיילט די דאָזיקע אַרבעט אויף צוויי: אויף אַרויספירן די יידן פון רוסלאַנד און אויף איינאָרדענען זיי אין די קאָלאָניעס — און גיט צו, אַז אינאיינעם מיט זייער דלות מוזן די רוסישע יידן לאָזן אין דער אַלטער היים זייער שמוץ. די רוסישע יידן „מוזן אין דער נייער וועלט ווי ניי־געבוירן ווערן“. דעריבער מוז מען די קאָלאָניזאַציע פירן לויט אַ באַשטימטן סדר: „באַזאָרגן די קאָלאָניסטן מיט אַדמיניסטראַטאָרן, געזעצן, שולן — נאַטירליך אַזוי, אַז עס זאָל בלייבן אַ מעגליכקייט פאַר פרייער אַנטוויקלונג“[25].

אין דעם זעלביקן גייסט האָט דער דרעזדענער אויבער־ראַבינער, דער באַקאַנטער געלערנטער ד״ר ז. פראַנקעל אָפּגעדרוקט אין דער צווייטער אָנגעזעענער יידיש־דייטשער צייטונג „אָריענט“ אַן אויפרוף מיטן נאָמען „אויפרוף צו די קהילות פון ישראל“ [26] און האָט אויך געפאָדערט אָרגאַניזירן אַן אינטערנאַציאָנאַלע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציע אויף אַרויספירן די יידן פון רוסלאַנד־מצרים.

ער שרייבט צווישן אַנדערס:

„פאַר די רוסישע יידן איז דער באָדן, אויף וועלכן זיי לעבן, ניט קיין אייגענער און וועט קיינמאָל ניט ווערן זייער פאָטערלאַנד; פאַר זיי איז דעריבער דא איין רפואה — אויסוואַנדערן און זיך באַזעצן אונטער אַ הימל, וואו די געזעצן רעכענען זיך מיט די רעכט פון מענטשן... ווי שטאַרק איז די נויטיקייט פאַר דער דאָזיקער צייט זיך צונרייטן, שוין איצט העלפן, ווייל אַ סך האָט זיך איינגעגעבן (זיי מוזן עס באַטראַכטן ווי אַ גליק!) צו אַנטלויפן פון פאָטערלאַנד! ברידער־גלויבנסגענאָסן! קענען מיר רואיק

---

23) דאָרטן.
24) דאָרטן.
25) דאָרטן, ז. 64.
26) זע: „Orient“, Leipzig 1846, S. 2.

בלייבן? ס׳איז דער הייליקסטער חוב, ס׳זאָל קומען אַ געזעלשאַפטליכע הילף, ס׳זאָלן זיך בילדן קאָמיטעטן אין אַלע קהילות...״ [27].

וואָס איז געוואָרן פון דער דאָזיקער גרויסער קאָמפּאַניע פאַר שאַפן אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז שוין דעמאָלס געווען אַזוי נויטיק און וועלכע מיר פאַרמאָגן נאָך עד־היום ניט חוץ אַ פּאָר סוראָגאַטן?

אינם נומער פון ערשטן פעברואַר 1846 פון דער „אַלגעמיינער ציַיטונג דעס יודענטומס״ דערציילט דער רעדאַקטאָר, אַז זיין גרויס אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט באַשריבן די ליידן און פיין פון די רוסישע יידן, איז אָן זיין וויסן איבערגעזעצט געוואָרן אין ענגליש און פראַנצויזיש און צעשיקט געוואָרן אין אַלע יידישע גרויסע קהילות פון דער וועלט. דער אַרטיקל מיטן געניען פּלאַן וועגן דער פאָרגעשלאָגענער אָרגאַניזאַציע איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין ענגליש און פראַנצויזיש און איז אויך צעשיקט געוואָרן צו די גרעסטע יידישע קהילות. און דר. פיליפּסאָן בעט זיך: „זאָל מען נאָר אָ נ ה י י ב ן! די זאַך איז אַזוי גרויס, אַזוי הויך, אַז ווער ס׳וועט נאָר אָנהייבן וועט שוין ניט קאָנען זיך אָפּרייסן״ [28]. און ער דערציילט, אַז „א י ן אַ מ ע ר י ק ע ג ר י י ט מ ע ן ז י ך ש ו י ן א י י נ י ק ע ו ו י כ ט י ק ע ש ר י ט צ ו מ אַ כ ן. מ ע ר ק א נ ע ן מ י ר ד ע ר ו ו י י ל נ י ט מ ו ד י ע ז י י ן ו ו ע ג ן ד ע ם״ [29].

וואָס פאַר אַ שריט די אַמעריקאַנער יידן האָבן אונטערגענומען, איז געבליבן אומבאַקאַנט, אָבער די דאָזיקע גרויסע אַגיטאַציע האָט געוויס געווירקט אויפן פּלאַן פונם שוין דערמאָנטן אַלטאַראַס, וועלכער איז געפאָרן אין יאָר 1846 קיין רוסלאַנד „קויפן יידן״ אויף באַזעצן זיי אין אַלזשיר.

---

[27]) דאָרטן.
[28]) „אַלג. ציַיטונג דעס יודענטומס״, 1846 ז. 97.
[29]) דאָרטן — אונטערגעשטראָכן פון מחבר.

III

די רייזע פון אַ פּראַנצויזישן יידן קיין פּעטערבורג צו „קויפן יידן" ביי ניקאָלאַי דעם ערשטן

ווער איז געווען אַלטאַראַס? ער איז געבוירן געוואָרן אין אַלעפּאָ אין 1786; זיין פאָטער איז געווען רב אין ארץ־ישראל. אין 1806 איז ער אַריבערגעפאָרן קיין מאַרסעל, וואו ער איז געוואָרן איינער פון די גרעסטע שיף־אונטערנעמער און עקספּאָרטערן און איז געוואָרן זייער רייך. אַלטאַראַס איז, ווייזט אויס, געבליבן אַ הייסער ייד — אין 1845 ווערט אַרויסגעגעבן אויף זיין חשבון דער ספר „כור מצרף האמונות ומראה האמת" פון יצחק לופּיס. אין דער הקדמה צו דעם דאָזיקן ספר ווערט דערציילט, אַז דער כתב־יד פונם חיבור, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן סוף 17־טן יאָרהונדערט, איז געווען אַסך יאָרן באַהאַלטן אין דער ביבליאָטעק פון דער משפּחה אַלטאַראַס און ווערט איצט אַרויסגעגעבן פון „רב יצחק אַלטאַראַס, ראש מנהיג עדת ישראל בגליל מרסוליא", מחמת אויפן מזרח האָט זיך פאַרשטאַרקט די טעטיקייט פון די מיסאָנערן און דער דאָזיקער ספר קאָן העלפן פאַרשטאַרקן די טריישאַפט צו דער אמונה פון די עלטערן[30].

וועגן דער גאַנצער מעשה מיט אַלטאַראַס'ס פאָרן קיין פּעטערבורג ווערן מיר געוואָר פון די כתבים און בריוו פון באַקאַנטן העברעאישן שרייבער אדם הכהן לעבענזאָן, וועלכע זיינען פאַרעפנטליכט אין „דביר" (ווילנע 1864, חלק שני, די זייטן 127—116) און אין „„לקט אמרים" (ביילאַגע צום „המליץ" פון 1889, די זייטן 86—83).

אין „דביר" זיינען לעבענזאָנס בריוו אַזוי איבערגעדרוקט, אַז מען קאָן ניט וויסן — ניט ווער צו וועמען האָט געשריבן און ניט פון וואַנען און וואוהין זיי זיינען געשריבן. פון „לקט אמרים" אָבער, וואו ס'שטייט געשריבן „עתה נעתיק את המכתב נ"ט בהדביר שהוא מ"ה יצחק אייזיק בן־יעקב ז"ל לה' בער לעבענזאָהן (אדם הכהן)", ווערט קלאָר, אַז בשעת אַלטאַראַס איז געפאָרן קיין פּעטערבורג און איז דורכגעפאָרן לייפּציג איז דעמאָלט דער באַקאַנטער ביבליאָגראַף בן־יעקב געווען אין לייפּציג און זיך אָפּט געטראָפן מיטן רעדאַקטאָר פון „אָר־ענט" פירסט, און בן־יעקב האָט די גאַנצע צייט געשריבן צו אדם הכהן וועגן דעם דאָזיקן ענין.

30) С. Гинзбург, Предтеча барона Гирша; «Восход», 1897, кн. XI, стр. 80—94; «Евр. Энциклопедия», кн. II, стр. 20.

נאָך אַט דער דערקלערונג וועט שוין זיין קלאָר דער אינהאַלט פון די בריוו פון אדם הכהן, וועלכע מיר ברענגען ווייטער:

„ידידי יקירי תו״ה..... ואשתו ובתו שלום.

שני ימים פאסט רצופים הריצותי מכתבים אליך יקירי, ועתה הנני בא בשלישי, לא למלא את דבר המכתבים הראשונים, כי אם להודיעך חדשות ונצורות אשר לא שערת ולא פללת, שש אני להיות מבשר לדבר הזה וזה הוא... בשבוע הזה בא הנה מכתב כתוב בשם דאקטר פירסט בסתר ווידיעני, כי בא אליו באחד הימים ההמה איש אשר לא תואר לו ובלתי הדור בלבושו, עד כי כראות אשת פירסט אותו אמרה אל אישה הנה איש מגוזלו בא אליך (ע״ש הכתוב ועני ואביון מגוזלו) והוא גם הוא לא קם ולא זע מפני האורח, ואך מפני הכבוד צוהו לשבת, כי זקן האיש, והאורח ענהו כי איננו יודע לשון אשכנז, ע״כ יואיל נא וידבר אתו צרפתית, גם לזאת נענה אליו פירסט וישאלהו בלשון צרפת מה הוא מבקש? אז הוציא האורח כתב מתכריכו ויתנהו אל ידי פירסט, ראהו ויתר ממקומו! כי ראה מתוכו כי מראשי גבירי מרזייליאה הוא, ראש שופטי המסחר היושב על כסא כבודו זה אַרבעים שנה ואב בית דין הקאנסיסטאר, מהר פירסט לקום על רגליו ולבקש מחילה ממנו על אשר לא נחת מפני מעלתו בראשונה, וישאלהו שנית במה יוכל לשרתו? ויען האיש ואמר לאמר: אני איש עשיר וחשוך בנים, גם אשת נעורי מתה עלי, ואני שמעתי את נאקת אחב״י היושבים בארץ צפון ואקדיש את כל עשרי לטובתם, אך בהיות המלאכה ההיא לא לאיש אחד ולא לשנים, אספתי את כל גבירי עירי אלי וכלם כרתו אמנה לטובת הדבר הגדול הזה, מעירי נסעתי פאריזה, גם שמה היה לב כל ראשי עדתנו אחד לתת ידם אל הפועל הזה, ואחר הצעתי דברי לפני כבוד המלך, וגם הוא נענה לי ויבטיחני את עזרתו ואת עזרת ראשי צרפת כלה, וידור לתת לי באלגיר ארץ פוריה לארבעים אלף משפחות, ועתה הנני הולך ארצה רוסיא לבקש מאת הקיר״ה על עמי בכלל ועל מ׳ אלף המשפחות בפרט, ואף במחצה בשליש וברביע אסתפק אם לא תרצה המלכות על ההמון כולו, ואם גם בזאת לא יהי שומע לי מאת המלכות, אבקש ממנה לתת לי במתנה אלף משפחות עניי אדם אשר לא נשאו בעול המדינה מעולם ואשר המה רק למשא על הצבור, אותם אקח על הוצאות עצמי ואעבירם אלגירה, ואתן להם אחוזות שדה וכרם, ומחיתם עד משך שלש שנים רצופים עד אם תצלח עבודת האדמה בידם, וגם בעדם הנני נכון לשלם להמלכות אלף פראנקען אלף פראנקען למשפחה, ואחר שב האיש אל בית מלונו ופירסט אתו, שמה נבהל פירסט בראותו את הדרו ואת כבודו, את המון המשרתים העומדים לפניו, את בגדי הליפרע אשר המה מצוינים בם, ואת השלט אשר רשום על מרכבתו, כי אפרתי הוא ושמו אלטארעס וכתב יחוסו אתו משנות דור ודור כי מגולי ירושלים הוא, אף לו יד ושם בתורה, כי כשמעו את פירסט נכשל בלשונו בשפת צרפת, החל לדבר אתו לה״ק במרוצה רבה במבטא ספרד. סוף דבר! בדעת האיש הזה לעשות יותר מאשר דמה השר משה ההולך לפניו.

בראשונה הסתרנו את דבר המכתב בסוד כמוס, אולם אתמול באו הנה כתבי העתים מרינא המספרים לתומם גם כן את דבר האיש כפי אשר אני שולח לך בזה בהעתקה, אז מצאתי גם אני את לבי להודיע לך את דברינו בכתב, כי על כל פנים דבר יקר ונפלא הוא בעתים האלה, ומי יודע אם לא ראשית ימי גאולה המה לנו, ובעזרתו יהפך לב המלכות עלינו לטובה״ [31].

---

[31] „דביר״, ווילנא 1864, חלק שני, ז. 116—118. אונטערגעשטראָכן פון מיר — י. ל.

פֿונם דאָזיקן בריוו ווערן מיר געוואָר, אַז אַלטאַראַס האָט געהאַט אַ קאָנצעסיע פֿון דער פֿראַנצויזישער רעגירונג אויף באַזעצן אין אַלזשיר פֿערציק טויזנט משפּחות, אַז מען האָט אים צוגעזאָגט א „ארץ פֿוריה“, דאָס הייסט אַ גוטן שטח לאַנד, וואָס זאָל טויגן פֿאַר קאָלאָניזאַציע. פֿון די ווייטערדיקע בריוו ווערן מיר אויך געוואָר, אַז ער האָט געהאַט צו דער רוסישער רעגירונג און צום פֿראַנצויזישן קאָנסול אין פּעטערבורג רעקאָמענדאַציעס פֿונם פֿראַנצויזישן אויסערן־מיניסטער גיזא און פֿון אַנדערע אָנגעזעענע פּאָליטישע טוער. פֿונם געבראַכטן בריוו איז אויך קלאָר, אַז ער האָט זיך באַראָטן פֿאַרן מיט פֿאָרשטייער פֿון די יידישע קהילות אין מאַרסעל און פּאַריז און האָט געוואונען זייער סימפּאַטיע פֿאַר דער זאַך. אַלטאַראַס האָט, ווייזט אויס, אין לייפּציג אויך באַקומען די הבטחה צו שטיצן זיין אונטערנעמען פֿונם רעדאַקטאָר פֿון „אָריענט“. אין אַ נאָטיץ פֿון דער „אַלגעמיינער צייטונג דעס יודענטומס“ פֿון 27־טן יולי 1846 פֿון נירענבערג ווערט דערציילט, אַז אַלטאַראַס האַלט זיך אויף אין שטעטל פֿירט, פֿון וואַנען ער קלויבט זיך צו פֿאָרן קיין רוסלאַנד כדי אויסצופֿועלן אַ פֿאַרבעסערונג פֿונם גורל פֿון די רוסישע און פּוילישע יידן. אין דער נאָטיץ ווערט אויך געזאָגט, אַז „ער האָט פֿון דער פֿראַנצויזישער רעגירונג אַ פֿולמאַכט פֿאַרצולייגן פֿאַר די דאָרטיקע יידן אַ היים אין אַלזשיר, וואו זיי וועלן אויף אַלע אופֿנים פֿון דער רעגירונג געשטיצט ווערן ביים באַזעצן זיך. דער אַלטאַראַס איז פֿאַרזאָרגט פֿאַרן דערגרייכן פֿון זיין ציל מיט גרויסע געלט־מיטלען און מיט וויכטיקע רעקאָמענדאַציע־בריוו און ער פֿאָרט פֿון דאַנען קיין בערלין, וואו ער וועט באַקומען ווייטערע אָנווייזונגען“.

חוץ דער דאָזיקער נאָטיץ איז אין די דייטש־יידישע צייטונגען ניט געווען גאָרניט וועגן דער נסיעה, מחמת מען האָט מורא געהאַט, אַז דער פּרסום זאָל ניט שאַטן דער זאַך. ס'איז אָבער קלאָר, אַז די גרעסערע יידישע געמיינדעס און די אָנגעזעענסטע יידישע כלל־טוער פֿון מערב־אייראָפּע זיינען געווען אינפֿאָרמירט און האָבן געלייגט גרויסע האָפֿענונגען אויף דער אונטערנעמונג.

אָבער אויך אין רוסלאַנד איז מען געוואָר געוואָרן פֿון דער נסיעה און מען האָט אַרויסגעקוקט מיט גרויסער שפּאַנונג אויף די רעזולטאַטן.

אין אַ ווייטערדיקן בריוו פֿון אדם־הכהן, וואו ער רעדט וועגן „המכתבים אשר באו מלייפּציג ומבערלין על דברת השר אַלטאַראַס“, שטייט געשריבן:

„השר אלט. עושה מלאכתו הגדולה בבתי הגדולים בעיר המלוכה אפס כי עוד לא נתן לאחד מאב"י לראות פניו, כי גם הוא לא זכה לראות את פני המלכות עוד, כדברים האלה כתב ר' דוב נאטקין“.

און אין אַ ווייטערדיקן בריוו:

„נבוכים אנחנו מאד בדבר השר אלטאראס, כי לא זכה אחד מאחב"י היושבים בעיר המלוכה לחזות פני כבודו, זאת ידענו כי כבר חמק עבר מעיר המלוכה באניות הקטור לבוא שטעטינה אשר בפּרייסין, ומשם יסע לוואַרשויא, לשוא נתן הד"ר לוריא מביכאָף קטורה באף הר"ח נחמן לשלוח איש לוואַרשאויא לשאול בשלום איש המעלה ההוא בשם עדת ווילנא, כי כלו ידיהם בחיקם ולא עשו דבר, והשמועות אשר שמענו עליו סותרות אלה את אלה, אחד המגידים הבא מפ"ב אומר כי לא נעתרה המלכות אליו בלתי אם למאה משפּחות ור"ץ צלענאוו ממינסק כתב כדברים האלה:

„הודות לאלקי מרום אשר הפיק חפצו ורצונו על צד היותר טוב, נסע לוואַרשויא, ומשם ישוב ללאנדאן לסיר משה מונטיפיורי, ומשם יעבר דרך אלזיר לבקרה, ומשם יסע דרך נאָרד מעער (אולי צ״ל סראדי מעער — ים התיכון) לאדעס ומשם ישוב לפ״ב״.

פון דעם אַלעם ווערט קלאָר, אַז צווישן דעם ביסל אינטעליגענץ, וואָס דאס רוסישע יידנטום האָט דעמאָלט פאַרמאָגט, איז געווען אַ גאַנץ שטאַרקע אויפרודערונג, אז ס׳זיינען געפלויגן בריוו פון ווילנע קיין מינסק, פון בערלין און לייפציג קיין ווילנע און אויך פון ווילנע קיין וואַרשע, ווי ס׳וועט דערמאָנט און אַ ווייטערדיקן בריוו, ווייל מען האָט גע־האָפט, אַז סלאָנימסקי וועט זיך זען מיט אַלטאַראַסן און צום סוף איז ער גאר צו דער צייט געווען אין לאָנדאָן. אין אַ בריוו פון ע״י כפורים תר״ז, שרייבט אדם הכהן, אַז בעת אַלטאַראַס איז געווען אין וואַרשע האָט אים קיינער ניט געזען, מחמת „סלונימסקי זה אשר בו בחרנו להודיענו, חמק עבר ארצה ענגלאַנד, העזים מתקשים לבוא בדברים את האיש הגדול ההוא, כי שמעו עליו כי איננו מתנהג בחסידות כהשר משה ההולך לפניו״[32].

און אָט איז אַ בריוו פון דעם באַקאַנטן ווילנער משכיל און כלל־טוער ראָזענטאַל פון בערלין קיין ווילנע צו זיינעם אַ ברודער, וועלכן מיר גיבן אויך אינגאַנצן, מחמת ער איז ממלא דאָס בילד און גיט צו אַ סך נייע שטריכן און מאָמענטן, וועלכע זיינען ביז גאָר אינטערעסאַנט:

„הנסבה אשר הסיגה אחור ידי מתת לך עד כה מענה על מכתבך הוא, על כי חפצתי הפק רצונך בדבר נסיעת האדון אלטאראס, והנה זה כיומים אשר שב האדון מאת עיר ממלכת רוסיה, בערלינה, ואנכי היום דברתי אתו, ואת אשר הגיד לי האדון אגיד לך אני פה, יקירי! „אני ברשיון וברצון הפערלאמענט מלכות צרפת נסעתי אל עיר המלוכה פ״ב, המניסטער גוזא (גיזאָ) ועוד שרים גדולים נתנו לי מכתבי רעקאָ־מענדאציאָן אל קיסר רוסיא. בקשתי היא אשר הקיר״ה יתן לי רשיון לקחת עמדי מאת אנשי בני אמונתנו מספר ידוע מאת ממלכת פוילין ורוסיא ולהתגורר אותם לארץ אלגיריען אשר היא בעת תחת ממשלת צרפת. כל איש יהודי אשר יבוא אלינו יחשב כאזרח הארץ וכתושב צרפתי ובאגפי צדקת מלכתו נחום אותו כאחד יתר עמי ארצנו, ורצון ממשלתנו הוא לעשות אותם אנשי עובדי אדמה, ולכל משפחה ומשפחה ינתן בלי תגמול כברת ארץ גן ושדה אשר יוכלו לחחיות את נפשם, כי לא למען עשות מסחר וקנין נתפוצה להביא אותם אלינו, גם בשנה הראשונה נתן להם את כל צרכיהם עד אשר יוציאו מאת שדותיהם ואת גנותיהם את דגנם ואת פרים, כי הלא מן השמים לא ימטיר להם השם את לחמם, אם כי ארצנו כעדן וכגן אלקים, אנכי אך תחת מגן האחים ראטהשילד אחוס, כצלם אחשב, ואך בשמם אכבדה, כי בדברים הנוגעים אל הכסף אזי המה יעשו כמעט את כל, ויתר עשירי בני אמונתנו צרפתים אשכנזים ועגלאנדים אך יעמדו לימין צדקם. את סיר משה מוטיפיורי ראיתי בפ״פ אם מיין בעת נסעו לפה, מצאתי אותו חולה ולא יכלתי דבר עמדו הרבה, אך הגיד לי אשר נסיעתי לפ״ב לא ישא לי פרי הצלחה, וכי ידמה כי כל יגיעותי יהיו לאל ולאין וכי זאת יסב לי מחלת לב. אכן אם כל זאת יעשה כל אשר יוכל, עד אשר יראה מה יהיה אחרית דבר. רצון האדון ההוא להתגורר מספר משפחות ידועות באמעריקא לחיות גם שמה לעובדי אדמה ולהשיב את ידיהם אחור מן המסחר והקנין, האדון מונטיפיורי הוא באמת איש טוב.

---

[32]) דאָרטן, ז. 127.

אנכי בעת היותי בפ״ב לא יכלתי דבר עם הקיר״ה פה אל פה, כי הגיד לי המיניסטער נעסעלראדי אשר הקיסר הוא כעת טרוד מאד, אכן הוא בעצמו דבר עמדו עבור עניני, והאת היתה תשובה הקיר״ה: „בקשת האדון אלטאראס ירצה, אם ישלם עבור כל נפש ונפש יהודי אשר יסע עמדו סך ששים רו״כ, גם אתן לו רשיון לסע ולדבר עם היהודים, ולראות את אשר יגידו המה לו על זאת, אם יחפצו לסע עמדו ואם אין, אם יאבו לעבוד את האדמה או לא, ואת זאת יכתוב לי אחרי זאת ואראה למלאות משאלתו, אף יותן לו מכתב אל ממלא מקומו פירסט ווארשאווסקי כי ידבר עמדו מזאת״.

עם זאת עזבתי את עיר המלוכה, ואנכי כעת מגמת פני לווארשויא, ובעיר ווילנא ואדעסע ובמקומות אחרים אשר ישכנו היהודים לא אוכל היות הפעם, כי עסקי יאלצוני מאד להיות אחרי משך ירח ימים בצרפת, ומשם לסע תיכף לאלגיר, ונסיעתי הנוכחי כהקדמה אל נסיעתי אשר תבוא בשנה הבאה.

בקשתי אשר יכתוב בעצמו אליך שורות אחדות בדבר הענין הלזה ויען ויאמר אשר לא ימצא זאת נכון, כי הוא נגד הנמוס לבקש מאת איש אשר לא ידעו מתמול שלשום לעשות לו מה לטובתו, האדון אלטאראס יתמהמה בווארשאויא ערך ג״ שבועות, והיום יעזוב את העיר בערלין״[33].

דאָ ווערט שוין אַסך קלאָרער, אַז ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ גאַנץ גרויסן פּלאַן פון לאַנדווירטשאַפטליכער קאָלאָניזאַציע, אַז די ראָטשילדס זיינען אויך געווען צוגעצווינגן צו דער זאַך, אַז אַלטאַראַס איז געווען אויפגענומען פונם רוסישן אויסערן=מיניסטער נעסעלראָדע, וועלכער האָט אים איבערגעגעבן די הסכמה פון ניקאָלאַי דעם ערשטן צום פּלאַן, נאָר מיט אַ תנאי, אַז ער זאָל באַצאָלן פאַר יעדן רוסישן אויסוואַנדערער 60 רובל — און ס׳איז קיין חידוש ניט, וואָס אין דער מאַסע איז אַרומגעגאַנגען אַ לעגענדע, אַז מאָנטעפיאָרע האָט געוואָלט אָפּקויפן ביי ניקאָלאַיען אַלע יידן און זיי אויף אַזאַ אופן אויסלייזן פון גלות.

וואָס איז געוואָרן פון דער דאָזיקער אַזוי גרויס פאַרטראַכטער אונטערנעמונג? אין דער פּרעסע פון יענער צייט איז כמעט גאָר ניטאָ חוץ אַ קליינער נאָטיץ אין „אָריענט“, אַ קאָרעספּאָנדענץ פון וואַרשע, וועלכע לייענט זיך אַזוי:

„הער אַלטאַראַס פון מאַרסעל איז איצט דא און, ווי ס׳ווייזט אויס, אַזוי פרוכטלאָז ווי און פּעטערבורג. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס איר האָט אין לייפּציג מיט אים גערעדט, האָט איר וועגן דער זאַך גאָרניט געשריבן צוליב די טאַקטישע טעמים, אַז מען קאָן מיט אַזעלכע ידיעות מער שאַדן ווי נוצן. איצט, ווען ס׳איז שוין קלאָר, אַז ער האָט גאָרניט דערגרייכט, וועט איר מיר דערלויבן עטוואָס צו דערציילן וועגן דעם דאָזיקן ענין. דער ה׳ אַלטאַראַס האָט געוואָלט, ווי מען דערציילט דא, באַזעצן אין אַלזשיר אַ גרויסע צאָל אָרימע יידן פון פוילן און רוסלאַנד. ער האָט שוין געהאַט אַן אָפּמאַך מיטן פראַנצויזישן מיניסטעריום און אויך פאַר די געלט=מיטלען איז געווען געזאָרגט. אין זיין בקשה צום רוסישן קייזער האָט ער געבעטן דערלויבן אַ גרויסער צאָל אָרימע יידן אויסצוואַנדערן און ער האָט אפילו געוואָלט גלייך אַ געוויסע צאָל מיטנעמען, און ווער ס׳איז באַקאַנט מיטן שרעקליכן דלות פון אונזערע יידן, דער ווייסט, וואָס פאַר אַ גליק דאָס וואָלט געווען פאַר די אויסוואַנדערער גופא, ווי אויך פאַר די, וואָס בלייבן. דאָס

---

[33]) דאָרטן.

פראַנצויזישע מיניסטעריום איז געווען גרייט צו געבן לאַנד פאַר 40 טויזנט משפחות און די ראָטשילדס זיינען געווען גרייט צו געבן 400 טויזנט פראַנק אויף דעם איינאָרדענען. אין פעטערבורג אָבער האָט דער קייזער אים גאָרניט אויפגענומען און האָט אים אָפּגעשיקט צו די מיניסטאָרן, און די מיניסטאָרן ווילן ניט אפילו די אָרימסטע יידן אַרויסלאָזן. דאָ גייט אים ניט בעסער. ניט געקוקט אויף די בעסטע רעקאָמענדאַציעס צום פירשט פאַסקעוויטש, קאָן דער לעצטער גאָרניט אויפטאָן ביי אַזאַ אויסגעשפּראָכענער באַציאונג אין די הויכע ספערן"[34].

הייסט עס, אַז שולדיק אינם דורכפאַל פון דעם פּלאַן איז געווען די רוסישע רעגירונג. קומט אָבער לעצטנס דער באַקאַנטער יידיש-רוסישער היסטאָריקער יולי העסען און באַווייזט אויפן סמך פון אַרכיוו-מאַטעריאַלן, אַז ניקאָלאַי דער ערשטער האָט, פאַרקערט, געפונען, אַז ס'וואָלט אפשר געווען נוצליך, עס זאָל אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד אַ טייל יידן,[35] און אַז ער האָט זיך פּאָזיטיוו פאַרהאַלטן צו אַ אויסוואַנדערונג פון רוסישע יידן. יולי העסען וויל אויך אויפן סמך פון די זעלביקע אַרכיוו-מאַטעריאַלן באַווייזן, אַז די אַלע פאַרעפנטליכטע בריוו, דאָקומענטן און נאָטיצן אין „דביר", „לקט אמרים" און אין דער דייטש-יידישער פּרעסע פון יענער צייט האָבן שטאַרק איבערגעטריבן אי דעם פּלאַן גופא פון אַלטאַראַסן, אי די שריט, וואָס ער האָט פאָרגענומען נאָך פאַרן פאָרן קיין פעטערבורג. אָבער פאַר אונז איז גאָרניט אַזוי שטאַרק וויכטיק פעסטצושטעלן די צאָל יידן, וואָס אַלטאַראַס האָט געוואָלט קאָלאָניזירן, און צי האָט טאַקע ראָטשילדס הויז שוין באַשטימט 400 טויזנט פראַנק אויף די איינריכטונג-הוצאות. פיל וויכטיקער זיינען די סיבות, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַזאַ פּראָיעקט; פיל אינטערעסאַנטער איז די באַציאונג פון די איראָפּעאישע יידן צו דער פּראָבלעם „רוסישע יידן", וועלכע איז שוין דעמאָלס געווען אַ שווערע מכה, צו וועלכער מען האָט געזוכט פיבעריש רפואות, און צווישן די דאָזיקע רפואות זיינען עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע געשטאַנען אויפן ערשטן אָרט; פיל באַדייטנדיקער איז דער אָפּקלאַנג, וואָס אַזאַ פאַנטאַסטישער פּלאַן פון אַ פילאַנטראָפּ האָט געפונען צווישן דער אינטעליגענץ פון די רוסישע יידן און ווי אַזאַ גאולה-פּלאַן האָט זיך פאַרוואַנדלט אין דער פאַנטאַזיע פון פאָלק אין אַ לעגענדע, אַז משה מאָנטעפיאָרע האָט געוואָלט „אָפּקויפן די יידן ביי ניקאָלאַיען". — דאָס אַלץ באַווייזט פריער פון אַלץ איינס: שוין צוריק מיט העכער אכציק יאָר איז געווען ביי איינע רייף דער געדאַנק און ביי אַנדערע רייף דער געפיל, אַז די רוסיש-יידישע פראַגע איז אין אַ גאָר גרויסער מאָס אַ עמיגראַציע-פראַגע, אַ פראַגע פון נייע לענדער פאַר גרויסע מאַסן, אַז עמיגראַציע איז אַ רפואה ניט נאָר פאַר די, וואָס מוזן אַוועקפאָרן, נאָר אויך פאַר די, וואָס וועלן בלייבן.

אָבער דער דאָזיקער געדאַנק און דער דאָזיקער געפיל זיינען געווען רייף ניט נאָר אין דער יידישער געזעלשאַפט — דאָס באַווייזט דער פּוילישער פּראָיעקט וועגן *אָפּגעבן יידן קרים* און אויפשטעלן דאָרטן אַ *יידישע מלוכה*.

---

[34] „אָריענט", 1846, נומ. 42, ז. 330.

[35] זע: «Евр. Энциклопедия», т. II, стр. 20.

IV

אַ פּראָיעקט פון אַ פּוילישן פילאָזאָף גרינדן אַ יידישע רעפּובליק אין רוסלאַנד

שוין צום סוף 18־טן יאָרהונדערט האָט זיך אין פּוילן די יידישע פראַגע שאַרף געשטעלט — די אָרימקייט האָט דערגרייכט אַזאַ מדרגה, אַז די יידישע פראַגע איז געוואָרן אַ מ ל ו כ ה ־ פ ר אַ ג ע. צו די צייטן פון דער ערשטער צעטיילונג פון פּוילן האָבן פּוילישע יידן פון די געגנטן, וועלכע זיינען געלעגן נאָענט צו ניי־רוסלאַנד, אָנגעהויבן איבערצוּוואַנדערן אַהינצו[36]. פון דער צווייטער זייט האָבן פּוילישע אינטעליגענטן און מלוכה־לייט זיך אָנגעהויבן ערנסט פאַרטראַכטן איבער דער טראַגישער לאַגע פונם פּוילישן יידנטום, וואָס האָט אַ סך מער פון דער איבעריקער באַפעלקערונג געליטן פונם חורבן אין די שטעט. די צעטיילונגען פון פּוילן, די מלחמות פון נאַפּאָלעאָנס צייטן און די מהומות און אויפשטאַנדן, וועלכע האָבן באַגלייט דעם ענדגילטיקן אונטערגאַנג פון דער פּוילישער מלוכה, האָבן אָט די אַרבעט איבערגעריסן. אָבער ווי נאָר דער פּראָצעס פונם צעפאַלן פון דער פּוילישער מלוכה האָט זיך פאַרענדיקט און אין קאָנגרעס־פּוילן, וואָס האָט געהערט צו רוסלאַנד, האָבן די פּאָליאַקן באַקומען אַ געוויסע ברייטע אויטאָנאָמיע, האָט די פּוילישע געזעלשאַפט תיכף זיך אומגעקערט צו דער יידישער פּראָבלעם — וואָס טוט מען מיט די יידן? אָדער ריכטיקער: וואָס טוט מען מיט אַ ז ו י פ י ל יידן?

אַזוי איז די פראַגע געשטעלט געוואָרן און פאַר יענער צייט איז זי ריכטיק געשטעלט געוואָרן. פּוילן איז געווען רואינירט ביז אירע טיפסטע יסודות. דאָס שטאָטישע לעבן איז שטאַרק איינגעשרומפּט געוואָרן, און פריער פון אַלע און מער פון אַלע האָבן געליטן די יידן. אין די טיילן, וואָס זיינען אַוועק צו עסטרייך און פּרייסן, האָט זיך באַלד אָנגעהויבן מצד די רעגירונגען אַן אַרבעט פון צופּאַסן די געוואונענע קאַנטן צו די עקאָנאָמישע באַדערפענישן פון זייערע מלוכות, כדי זיי מאַכן אָרגאַניש צוזאַמענגעוואַקסן מיט די נייע ווירטשאַפטליך־מלוכהשע אָרגאַניזמען, פון וועלכע זיי מוזן ווערן באַשטאַנד־טיילן. אין רוסלאַנד איז נאָך וועגן דעם גאָר קיין

---

[36]) זע מיין אַרטיקל „די אַנטוויקלונג פונם יידישן פאָלק פאַר די לעצטע 100 יאָר“ אין „שריפטן פאַר עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק פונם יידישן וויסנשאַפטליכן אינסטיטוט“, בערלין 1928, ז. 25.

רייד ניט געווען דערמאָלט. ערשט שפּעטער, טיילווייז נאָכן ערשטן אויפשטאַנד פון 1831 און אַ סך מער נאָכן צווייטן אויפשטאַנד פון 1863, האָט די רוסישע רעגירונג אָנגעהויבן דורך באַשטימטע ווירטשאַפטלעכע וועגן און מיטלען מאַכן קאָנגרעס-פּוילן עקאָנאָמיש אָפּהענגיק און פאַראינטערעסירט אין רוסלאַנד. ס'איז דעריבער נאַטירלעך, וואָס אין דער ערשטער העלפט פון 19-טן יאָרהונדערט האָבן די פאָרשטייער פון דער פּוילישער געזעלשאַפטלעכקייט אין קאָנגרעס-פּוילן זעלבשטענדיק געשטעלט די יידישע פראַגע און זעלבשטענדיק געזוכט תשובות אויף איר.

אָבער אויב אין 18-טן יאָרהונדערט גייט די רייד נאָר וועגן רעפאָרמירן דאָס יידישע לעבן אויפן אָרט, אין פּוילן גופא, דורך פאַרשפּרייטן ערדאַרבעט און מלאכה צווישן יידן, איז פאַרן 19-טן יאָרהונדערט כאַראַקטעריסטיש דער עמיגראַציע-טעריטאָריאַליסטישער צוגאַנג צו דער פראַגע: פון איין זייט שווימען אויף פּראָיעקטן אַריבערשיקן די יידן פון די פּוילישע געגנטן אין די וויסטע לענדער פון רוסלאַנד; פון דער צווייטער זייט — ווערט אַמעריקע דער אָביעקט פון אַזעלכע פּלענער און האָפענונגען. ניי-רוסלאַנד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרק אַנטוויקלען, האָט נאַטירלעך צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט דער יידישער פראַגע. ווען פריזעל האָט אין 1804 יאָר געשריבן, אַז אין דער גרויסער רוסישער אימפּעריע איז קיין דוחק אין ערד ניטאָ", — האָט ער פריער פון אַלץ דאָך געמיינט די דרום-גובערניעס פון רוסלאַנד מיט קרים און בעסאַראַביע; דער דעקאַבריסט פּערעץ, אַ זון פון געשמדטן באַקאַנטן יידישן משכיל, האָט ניט מסכים געווען מיט פּעסטעלס פּראָיעקט וועגן אַסימילירן די יידן, אָדער — אויב דאָס זאָל זיך ניט איינגעבן — שאַפן אַ יידישע מלוכה אין קליין-אַזיע, און ער האָט פאָרגעלייגט גריינדן אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע אויף צו באַפרייען די צעזייטע און צעשפּרייטע יידן דורך קאָנצענטרירטער קאָלאָניזאַציע אין קרים, אָדער אינם נאָענטן מזרח, וואו עס דאַרף געשאַפן ווערן אַ יידישע מלוכה. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָ האָט געווירקט דאָס, וואָס יידן האָבן פון זיך אַליין גענומען פאָרן פון די געדיכטע, מיט יידן באַזעצטע גובערניעס פון ליטע, ווייסרוסלאַנד און וואָלין-פּאָדאָליע קיין ניי-רוסלאַנד, און אויך די ערשטע פּרווון פון קאָלאָניזאַציע, וואָס זיינען אין ערשטן פערטל פון 19-טן יאָרהונדערט דורכגעפירט געוואָרן.

אין 1817 איז געגרינדעט געוואָרן די אַזוי גערופענע Царство Польское און שוין אין 1818 באַווייזט זיך אַ פּראָיעקט פון אַ אַנאָנימן מחבר, וועלכער לייגט פאָר אין זיין פּראָיעקט „אַן עצה קעגן יידן" (Sposób na Zydów), אַז אַלעקסאַנדער דער ערשטער, וועלכער געוועלטיקט איבער אומגעהויערע ערד-שטרעקעס, זאָל אַ טובה טאָן פּוילן, זי באַפרייען פון די יידן דורך דעם, וואָס ער זאָל זיי געבן דאָס רעכט זיך באַזעצן אין דרום-רוסלאַנד, אָדער אין די גרעניצן פון טאַטערן-לאַנד 37).

אין 1822 האָט דער פּוילישער סיים אין וואַרשע באַשלאָסן בעטן דעם רוסישן קייזער, ער זאָל אויסטיילן אַ פרייען שטיק ערד פאַר די יידן און זיי באַזעצן דאָרטן.

37) זע ש. דובנאָוו, „וועלטגעשיכטע פון יידישן פאָלק" (דייטש), ב. 9, ז. 237, און ע. פּרענק „גדולי עם פולין ומדינת יהודים" אין „לוח אחיאסף", תרפ"ז, ז. 97.

מיר פאַרשפּאָרן דאָ צוגעבן, אַז די דאָזיקע אַלע פּוילישע פּראָיעקטן זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט אַ שטאַרקן אַנטיסעמיטישן גייסט און האָבן באַטראַכט די יידן, ווי אַ מכּה פאַר פּוילן, פון וועלכער מען מוז וואָס גיכער פּטור ווערן; מיר פאַרשפּאָרן אויך צוגעבן, אַז די דאָזיקע אַלע פּראָיעקטן, וואָס האָבן געצילט אויף אַ שנעלן אַרויסשיקן און באַזעצן הונדערטער טויזנטער יידן אויף פרייע און וויסטע ערדשטרעקעס, זיינען געווען גענוג פאַנטאַסטיש און באָדנלאָז. אָבער פאַר אונז דאָ איז נאָר אינטערעסאַנט צו ווייזן, ווי אין 19-טן יאָרהונדערט ענדערט זיך דער צוגאַנג צו דער יידישער פראַגע און נעמט אָן אַ פאָרם פון עמיגראַציע- און קאָלאָניזאַציע-פּראָיעקטן, וועלכע זיינען טיילווייז פאַרווירקליכט געוואָרן ערשט אין לעצטן פערטל פון פאַרגאַנגענעם און אין ערשטן פערטל פון 20-טן יאָרהונדערט. אַז אַ וויכטיקע ראָלע אין דעם אופן פון שטעלן די יידישע פּראָבלעם האָט געשפּילט די שטאַרק אויסגעוואַקסענע נאַטירליכע פאַרמערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, ווערט קלאָר פון דעם, וואָס אין אַלע פּראָיעקטן וועגן דער יידישער פראַגע חזרט זיך סטערעאָטיפּיש איבער די פראַזע, אַז די געוואַלדיקע פאַרמערונג פון יידן אין פּוילן ווערט אַ סכּנה פאַרן לאַנד.

אינטערעסאַנט איז, וואָס אויך יידן, וועלכע האָבן זיך פאַרטראַכט איבערן גורל פון זייער פאָלק, האָבן אָנגעהויבן אין 19-טן יאָרהונדערט זוכן אַ וועג צו פאַרבעסערן און פאַרגרינגערן די לאַגע פון די יידישע מאַסן דורך עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע. און גאַנץ נאַטירליך, אַז זיי האָבן ניט גערעדט וועגן אַרויסנעמען אַלע יידן פון דעם אָדער יענעם לאַנד, נאָר וועגן פאַרקלענערן די צאָל יידן אין די לענדער מיט גרויסע יידישע מאַסן, כּדי צו פאַרגרינגערן די לאַגע פון די, וואָס וועלן בלייבן אויף די ערטער. מיר וועלן זיך ניט אָפּשטעלן אויף די ממש צענדליקער פּראָיעקטן פון אויפשטעלן די יידישע מלוכה אין פּאַלעסטינע, פּראָיעקטן פון יידן און נאָך מער פון ניט-יידן, פּראָיעקטן, וואָס זיינען תּמיד געווען פאַרבונדן מיטן משיח-געדאַנק, אָדער מיט אַנדערע רעליגיעזע מאָטיוון און האָבן אין אַ גרויסער מאָס געצויגן זייער יניקה פון דער שטאַרק אָנגעזאַפּטער מיט מלוכה-האָפענונגען היסטאָרישער טראַדיציע. רעוואָלוציאָנער האָט געמוזט זיין דער געדאַנק פאַרן אָנהויב פון 19-טן יאָרהונדערט וועגן אויפשטעלן אַ יידישע מלוכה ערגעץ וואו אין אַמעריקע אָדער רוסלאַנד.

אין 1819 האָט איינער ראָבינסאָן פאַרעפנטליכט אין לאָנדאָן אַ בראָשור, אין וועלכער ער לייגט פאָר גרינדן יידישע קאָלאָניעס ביי די ברעגן פון די טייכן מיסיסיפּי און מיזורי. ער לייגט פאָר, רייכע יידן זאָלן דאָרטן קויפן גרויסע שטרעקעס ערד און באַזעצן אָרימע יידן, וועלכע ווערן אומעטום גערודפט און געפּלאָגט. דער מחבר האָפט אַפילו, אַז די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן וועט ניט אָפּזאָגן זיך פון העלפן דער אויפלעבונג פון יידישן פאָלק. עס מוז צוגעגעבן ווערן, אַז דער דאָזיקער „משיח“ האָט אַליין געהאַט אין די דערמאָנטע ערטער גרויסע שטרעקעס ערד און איז געווען פּשוט פאַראינטערעסירט, אַז ס'זאָל זיך דאָרטן אָנהויבן אַ קאָלאָניזאַציע [38].

38) זע: Publications of the American Jewish Historical Society, v. VIII, p. 80—84. ציטירט לויט ד״ר נ. מ. געלבער, „פאָרגעשיכטע פונם ציוניזם״ (דייטש), ווין 1927, ז. 282.

דער פּראָיעקט פון מרדכי עמנואל נח וועגן גרינדן אַ יידישע מלוכה אין אַמעריקע איז גענוג באַקאַנט, און מיר וועלן זיך אויף אים ניט פאַרהאַלטן. גאָר ניט באַקאַנט איז די ווענדונג פון איינעם ישכר בן יצחק פון העסען, אַ יידישן רייכן סוחר, צום באַראָן ראָטשילד אין 1832 מיטן פאַרשלאַג קויפן אין צפון-אַמעריקע אַ גרויסן שטיק לאַנד פאַר יידן. ער מיינט, אַז שוין נאָר די גרינדונג פון אַ זעלבסטשטענדיקער יידישער קאָלאָניע וועט האָבן אַ גרויסע ווירקונג אויף דער באַציאונג צו יידן מצד די רעגירונגען. דורך עמיגראַציע פון אַ טייל יידן וועט בעסער ווערן די לאַגע פון די איבערגעבליבענע אויף די ערטער. ער טרוימט וועגן קויפן אין צפון-אַמעריקע אַזאַ גרויסן שטיק דורכאויסיקן לאַנד, אַז מען זאָל קאָנען אויף אים באַזעצן מיליאָנען יידן, כאָטש ער ווייסט, אַז סוועלן נאָך בלייבן אויך אין אייראָפּע יידן. ער לעגט פאַר גבריאל ריסערן זיך שטעלן אין דער שפּיץ פון דער דאָזיקער גרויסער זאַך, וואָרום באַפרייען די יידן פון דער ציוויליזירטער אייראָפּע איז ניט קיין קלענערע גוטוועדיקייט, ווי יציאת-מצרים צו איר צייט. גבריאל ריסער האָט אפילו הערן ניט געוואָלט וועגן אַרויסרופן אַזאַ באַוועגונג, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז אַזאַ פּלאַן קאָן נאָר שאַטן די יידן. אויך ראָטשילד האָט זיך אָפּגעזאָגט צוצושטייען, ווייל די גאולת-ישראל מוז קומען פון גאָט און חוץ דעם איז שוין איצט די לאַגע פון יידן אַ סך בעסער. דער דאָזיקער העסענער סוחר, וואָס האָט זיך, ווייזט אויס, שטאַרק אַריינגענומען אין קאָפּ דעם געדאַנק פון קאָנצענטרירן גרויסע יידישע מאַסן אויף איין טעריטאָריע, האָט לאַנג ניט געקאָנט זיך באַרואיקן און האָט אָנגעהויבן אַליין רופן צו פאַרשרייבן זיך אויף אַקציעס פאַר דער געפּלאַנטער קאָלאָניזאַציע-געזעלשאַפט, וועלכע האָט באַדאַרפט הייסן מיטן נאָמען „Ora et labora“, וואָס באַטייט דאָס זעלבע, וואָס אין העברעאיש „יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ“. ער האָט גערופן די יוגנט זיכערן זיך נאָך אויף די ערטער דורך לערנען זיך אַרבעטן אויף די פעלדער אָדער מלאכה. צו די יידישע שרייבער האָט ער זיך געווענדעט מיט אַ בקשה לאָזן צו רו די רעליגיעזע פראַגע, איבער וועלכע מען פירט אַזעלכע הייסע דיסקוסיעס, און בעסער ווידמען זייער צייט דעם קאָלאָניזאַציע-פּלאַן[39].

נאָך קלאָרער פאָרמולירט די פראַגע אַן אַנדער דייטשער ייד מיטן נאָמען C. L. K. וועלכער האָט אין 1840 אַרויסגעלאָזט אַ בראָשור מיטן נאָמען „ניי-יהודה“[40] וואו ער גייט צו צו דער פראַגע ניט ווי די פריערדיקע — פון רחמנות צו די אָרימע געפּלאָגטע ברידער, נאָר פון אַ ברייטן נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן שטאַנדפּונקט. ער לאַכט אויס די קאָסמאָפּאָליטישע פילאַנטראָפּן, וואָס פאַרמאָגן ניט קיין היסטאָרישן חוש און ווילן צוזאַמענקניטן די גאַנצע מענטשהייט, מאַכן פון איר אַ מולאַטן-מין, אָפּווישנדיק די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייטן. די יידן, זאָגט ער, האָבן קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט זיך פון זייער רעכט צו לעבן ווי אַ פאָלק אין אַן אייגענער מלוכה, ווי אַ פאָלק מיט אַ אייגענעם רצון און אַ אייגענער קולטור. און דערפון, וואָס מען איז ביים געבוירן געלעגן אין וויג אין

39) זע: ד״ר נ. מ. געלבער, „די פאָרגעשיכטע פון ציוניזם“, ז. 85—91.

40) „Neujudäa“. Entwurf zum Wiederaufbau eines selbständigen Jüdischen Staates von C. L. K., Berlin 1840, auch 1903.

ארץ־ישׂראל, איז נאָך ניט געדרונגען, אַז מען מוז אויסבויען דאָרטן אַ הויז אויף צו וואוינען. פּאַלעסטינע איז, ראשית, צו קליין פֿאַרן יידישן פֿאָלק, און שנית — "װעלן אַלע עשירות פֿונם אַזוי רייכן יידישן פֿאָלק ניט קלעקן אויף אויסצוקויפֿן דאָס אייגנטום־רעכט בײַ די איצטיקע הערשער פֿון לאַנד און אויסקויפֿן דעם באָדן בײַ זײַנע באַזיצער" 41). די יידן, מיינט דער מחבר, קאָנען מאַכן פֿאַר זייער פֿאָטערלאַנד נאָר אַ שוואַך־באַזעצט לאַנד, וואָס איז נאָך ניט באַרירט פֿון דער ציוויליזאַציע; אַזעלכע פֿלעצער זײַנען פֿאַראַן אין אַמעריקע און נאָר אין אַמעריקע און ניט ערגיץ אַנדערש קאָנען די יידן אַ אייגענע מלוכה אויפֿבויען.

פֿאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע אַלע פּראָיעקטן און אַפּעלאַציעס צו די רײַכע פֿון פֿאָלק און צו די "בעסטע פֿון פֿאָלק" האָבן קיין פּראַקטישע רעזולטאַטן ניט געבראַכט — זיי זײַנען אָבער סימפּטאָמאַטישע הן פֿאַר דער לאַגע פֿון יידישן פֿאָלק, וועלכע האָט זיך צו דער באַטראַכטער צײַט שאַרף געשטעלט צוליב דער גרויסער פֿאַרמערונג, פֿון איין זײַט, און צוליב דעם פֿאַרערגערטן עקאָנאָמישן צושטאַנד, וואָס איז אַרויסגערופֿן געוואָרן אין דער איבערגאַנג־צײַט פֿון פֿעאָדאַליזם צום קאַפּיטאַליזם, פֿון דער צווייטער זײַט, הן פֿאַר דער פֿאַרענדערטער סיטואַציע אין דער וועלט, ווען אין רוסלאַנד איז געגאַנגען די באַזעצונג פֿון אירע ניי־געוואונענע דרום־קאַנטן און אין אַמעריקע האָט זיך אָנגעהויבן אַ אינטענסיווע איינוואַנדערונג, באַגלייט דורך אַ קאָלאָניזאַציע פֿון גרויסע שטחים ערד. ניט ווילנדיק איז דער געדאַנק געשטויסן געוואָרן אויף דער פֿון אויבנאויף אַזוי פּשוטער און נאַטירלעכער, אָבער אין דער אמתן אומגעהויער שווערער תשובה, ווי בויען דאָ אָדער דאָרטן אַ אייגענע יידישע מלוכה.

און דער דאָזיקער געדאַנק איז געוואָרן צו די פֿערציקער יאָרן דער צענטראַלער געדאַנק פֿאַר אַ באַדײַטנדיקער גרופּע פּויליש פּאָליטיקער און שריפֿטשטעלער, וועלכע האָבן ווייטאָגדיק געזוכט אַ תשובה אויף דער יידישער פֿראַגע, זעענדיק אינם יידישן דלות איינע פֿון די פֿאַטאַלסטע סיבות פֿון פּוילישן אומגליק. איינער פֿון דער דאָזיקער גרופּע, אַ אייראָפּעאיש געבילדעטער מענטש, אַ מענטש מיט אַ גרויסן פֿאַרנעם און שוואונג, מיט אַ חוש פֿאַר אַזעלכע היסטאָרישע דערשיינונגען, ווי דאָס יידישע פֿאָלק, און מיט אַ ווייטן קוק אויף געשעענישן פֿון צײַטווײַליקן כאַראַקטער, דער באַקאַנטער פֿילאָסאָף יוסף גאָלוכאָווסקי, וואָס איז געווען אַ ידיד און מקורב צום דײַטשן פֿילאָסאָף שעלינג, האָט אין זײַן ביכל „Kwestja reformy Zydów" זיך אויפֿגעהויבן צו אַזאַ הויכן פֿאַרשטאַנד פֿאַר דער יידישער גלות־טראַגעדיע, אַז ער פֿאַרדינט, מען זאָל זיך אויף אים אַביסל לענגער אָפּשטעלן.

אייגנטלעך האָט ער ניט אַליין אָנגעשריבן דאָס דאָזיקע ביכל. אין 1841 יאָר האָט אַ גרופּע פּוילישע פּאָליטיקער און שרײַבער צונויפֿגעשטעלט אַ פּראָיעקט וועגן דעם, וויאַזוי צו פֿאַרענטפֿערן די פּויליש־יידישע פֿראַגע אין פּוילן. ווי ס'ווײַזט אויס, איז דער דאָזיקער פּראָיעקט באַקאַנט געוואָרן איניקע יידישע אַסימילאַטאָרן, וועלכע האָבן אין גרונט מסכּים געווען מיטן צוגאַנג פֿונם דאָזיקן פּראָיעקט צו דער יידישער

41) ציטירט לויט דעם אָנגעוויזענעם בוך פֿון ד"ר געלבער, ז. 78—177.

פּראָבלעם. אין דער הקדמה פון פאַרלעגער ווערט געזאָגט, אַז דער פּראָיעקט איז געלייענט געוואָרן אין דער רעדאַקציע פון פּוילישן חודש־זשורנאַל „וואַרשעווער ביבליאָטעק“, אין וועלכן ער האָט זיך טאַקע באַדאַרפט דרוקן. די צענזור האָט אָבער ניט דערלויבט צו דרוקן די דאָזיקע בראָשור. דעם דאָזיקן פּוילישן זשורנאַל האָבן אַרויסגעגעבן דריי באַקאַנטע פּויליש־יידישע פּערזענליכקייטן — לעאָפּאָלד קראָנענבערג, וועלכער איז געווען געשמדט, האָט אָבער ניט איבערגעריסן זיינע באַציאונגען מיט דער יידישער אַסימילירטער אינטעליגענץ, מאַטיאַס ראָזען, אַ רייכער באַנקיר און בכלל אַ אָנגעזעענער מענטש הן ביי יידן און הן ביי פּאָליאַקן, און הערמאַן עפּשטיין, אויך אַ באַנקיר און פאַבריקאַנט, וועלכער האָט געשפּילט גאָר אַ באַדייטנדיקע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון דער פּוילישער אינדוסטריע און אייזנבאַן. אַזוי ווי די צענזור האָט ניט דערלויבט אַרויסצוגעבן דעם מעמאָראַנדום, איז ער געבליבן ליגן ביז דער דערמאָנטער פילאָסאָף נאָלאַכאָווסקי האָט אים פאַרעפנטליכט אין אַ בראָשור אין לייפּציג אויף פּויליש, אונטערן נאָמען: ,,Kwestja reformy Zydów“, przez Klemensa Przezora, Lipsk 1854.

ערשט נאָכדעם האָט איינער פון די טיילנעמער אין צונויפשטעלן דעם מעמאָראַנדום אָפּגעדרוקט דעמזעלבן אין פּויזן, אָן אַ נאָמען פון מחבר, נאָר מיטן נאָמען פון פאַרלעגער. דער לעצטער דערקלערט אין דער הקדמה, אַז אָט דער קלעמענס פּשעזאָראַ האָט טאַקע אָפּגעדרוקט אַ שיין בוך און האָט אין תוך געוויס איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון מעמאָראַנדום פון די פּאָליטישע טוער פון 1841, אָבער ער האָט אַזוי פיל צוגעגעבן אייגנס, אַז מען מוז אַרויסגעבן דעם מעמאָראַנדום אין זיין ערשטער רעדאַקציע. מיר וועלן דאָ אויסנוצן ביידע אויסגאַבן, אָבער אַ סך מער דאָס ביכל פון נאָלאַכאָווסקין, מחמת ער גייט צו צו דער פראַגע טיפער, אָריגינעלער, מוטיקער, אמתדיקער און — דער עיקר — ער שאַנעוועט ניט דעם קריסטליכן צד און זאָגט אים אַריין אמתן, וועלכע פעלן גאָר אינם מעמאָראַנדום.

דער מעמאָראַנדום הויבט אָן דערפון, אַז צוליב די יונגע חתונות, ניכטערן לעבן און גוטע פאַמיליע־מידות פאַרמערן זיך יידן אַ סך גיכער, ווי די אַרומיקע באַפעלקערונג, און זיי פאַרפלייצן ניט נאָר די שטעט פון ליטע, גאַליציע, פּויזן און קאָנגרעס־פּוילן, נאָר שוין אויך די דערפער, ווייל אין די ערשטע געפינען זיי שוין מער קיין פּלאַץ ניט. און ס׳איז נאָענט די סכנה, אַז די יידן זאָלן אויך דאָס פּוילישע דאָרף צעשטערן און פאַראומרייניקן. און תיכף גייט איבער דער מעמאָראַנדום צו דער טראַגישער לאַגע פון דער יידישער מאַסע און גיט אַ בילד, וואָס ס׳איז כדאי עס ברענגען וואָרט אין וואָרט:

„פון דער אַנדערער זייט איז ניטאָ אויף דער וועלט נאָך אַזאַ אומגליקליך פאָלק, ווי די יידן אין אונזערע שטעט. כדי זיך איבערצייגן אין דעם, איז גענוג זיך דורכפאָרן איבער אַזעלכע שטעט, ווי פינטשעוו, זאַלעשטשי, דזשיאַלאָשצין און ענליכע, וואו אָפט אין איינאונאייציקן צימער, אין שרעקליכער לופט וואוינען אַ סך נפשות, שמוציקע, האַלב־נאַקעטע, וועלכע שלאָפן ביינאַכט, אַזוי צו זאָגן, עטאַזשנווייז איינער איבערן אַנדערן. זיי פירן אַ שטענדיקע מלחמה מיטן הונגער, מיט חולאתן, אָפט מיטן

מלאך־המות, אָן יעדער אויסזיכט, אָן יעדער האָפענונג אויף בעסערע צייטן אויף דער וועלט, ניט פאַרמאָגנדיק גארניט חוץ דעם גלויבן אין דער אייגענער עקשנות, וואָס די צרות און קלעפ פון לעבנס־גורל האָבן אין זייער נשמה אַנטוויקלט. ס׳איז ניטא קיין מער שרעקלי׳ך בילד, ווי די דאָזיקע פאַרפעסטעטע שטעט; ס׳איז ניטאָ קיין מער האַרצרייסנדיקע סצענע, ווי צוזעען דעם דלות פונם דאָזיקן פאָלק, איבער וועלכן ס׳הענגט גאָטס קללה. ווען מען קוקט זיך צו צו די אויסגעדאַרטע, אויסגעטרוקנטע פּנימער פון די אַרומבלאָנזשענדיקע יידן אין אונזערע שטעט, מוז מען זיך שטעלן די פראַגע: פון וואָס לעבט דאָס דאָזיקע פאָלק?“ [42].

אויסרעכנענדיק, אַז דער ייד איז אָפּגעשטופּט פון דער לאַנדווירטשאַפט, פון באַאַמטנטום, פון די ליבעראַלע פּראָפעסיעס און פון די שווערע פיזישע אַרבעטן, זאָגט דער מעמאָראַנדום:

„ווי אָרים אונזער פויער זאָל ניט זיין, פאַרמאָגט ער דאָך אַביסל תבואה אויף ווינטער, אַביסל קאַרטאָפל אָדער גריקס, האָט אַן איינן שטיבל, אַ שטאַל, בעת דער גרעסטער טייל פון פוילישן יידנטום האָט גאָרניט פון אַזעלכע זאַכן און אפילו אין זיין אָרימער וואוינונג פעלט אים אויס געזונטע לופט צום אָטעמען“ [43].

דער מעמאָראַנדום דערציילט נאָכדעם, אַז נאָך ניט לאַנג האָט מען געקאָנט געפינען אַ קריסטליכן סוחר אָדער קרעמער, אָבער די קאָנקורענץ פון די יידן האָט זיי פאַרטריבן פון די דאָזיקע פּרנסות. נעמט זיך שוין אַ ייד פאַר אַ מלאכה, כאַפּט ער זיך פאַר שניידעריי אָדער קירזשנעריי — און אַ יידן אַ שמיד אָדער אַ מוליאַר איז מיט ליכט ניט צו געפונען. קויפט אַ ייד אַ שטיקל ערד, באַאַרבעט ער דאָס ניט אַליין — ער דאַרף עס נאָר האָבן, כדי צו פאַרדעקן דערמיט זיינע אַנדערע ניט־ריינע און ניט־כשרע געשעפטן. קאָנטראַבאַנדע ווערט געטריבן כמעט פון אַלע יידן, וואָס וואוינען נאָענט צום גרעניץ.

וואָס האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט? די לאַנגע געשיכטליכע פּראַקטיק האָט דערוויזן, אַז מיט רדיפות און נגישות וועט מען דעם דאָזיקן עם קשה־ערף ניט בייקומען. „ניטא קיין לאַנד אין דער וועלט, וואו דער יידישע נע־ונד זאָל ניט געפינען קיין ביינער פון זיינע פאַרפייניקטע אבות, וואו ער האָט ניט פאַרגאסן קיין טרערן און האָט ניט געלויבט זיין גאָט; און ניט געקוקט אויף אַלע קלעפ, וואָס ער האָט באַקומען פון שיקזאַל, און אויף זיין שרעקליך טראַגישער לאַגע, לעבט ער און בלייבט אַ ייד — און דערמיט האָט ער טאַקע פאַרדינט רעכט אויף לעבן“. פון דער צווייטער זייט האָבן אַלע פּרוּוון פון רעפאָרמירן די יידן, זיי געבן בילדונג, זיי מאַכן פאַר לאַנדווירטן און בעל־מלאכות אויך צו גארניט געבראַכט, ווייל דאָס אַלץ איז געקומען פון דרויסן, ווי צוגעהאַנגען, און האָט ניט געקאָנט איבעראַנדערשן דאָס יידישע פאָלק.

יידן זיינען געוואָרן אַן אמתע פּלאָג פאַר די פעלקער, צווישן וועלכע זיי לעבן, אַ פּלאָג ערגער פון דער כאָלערע, וועלכע קאָן דאָך ניט אייביק דויערן, בעת יידן

---

42) O Reformie Zydów. Projekt podany w roku 1841, Posnan 1854, p. 6—7.

43) דאָרטן.

בלייבן אויף תמיד. די ייִדן זיינען אַן אומגליק פאַר די אַרומיקע, אָבער אַליין זיינען זיי דאָך אויך געגנוג אומגליקלעך. און דער מעמאָראַנדום רעכנט אויס די חטאים, וואָס די אַרומיקע פעלקער האָבן אויף זייער געוויסן, ווייל זיי האָבן פאַרטריבן און פאַררודפט דאָס דאָזיקע פאָלק און אים געמאַכט צו שפּאָט און צו שאַנד. און די מחברים פון מעמאָראַנדום קומען צום פועל־יוצא, אַז ס'איז פאַראַן נאָר איין אויסוועג: אויסטיילן פאַר ייִדן אַ גרויסן דורכאויסיקן פלאַץ, גרינדן דאָרט אַ זעלבשטענדיקע ייִדישע מלוכה מיט אַלע רעכט פון אַ זעלבשטענדיקער מלוכה און דאָרטן זאָלן פּאָליטיש און רעליגיעז געוועלטיקן נאָר ייִדן אונטער דעם אייבערשטן פּראָטעקטאָראַט פון דער מלוכה, וואָס וועט אויסטיילן אַזאַ לאַנד פאַר ייִדן.

און אַזוי ווי רוסלאַנד האָט אַ סך שטרעקעס ערד פרייע, לחלוטין ניט באַזעצטע, גוטע און פעטע ערד, און האָט אויך ביי דריי מיליאָן ייִדן, איז דאָס נאַטירלעכסטע, אַז די רוסישע רעגירונג זאָל זיך נעמען פאַר דער דאָזיקער גרויסער היסטאָרישער, ביז גאָר וויכטיקער פאַר ביידע צדדים — ייִדן און ניט ייִדן — אַרבעט. אין משך פון אַ וועלכע פופציק יאָר קאָן מען אַריבערפעקלען אַלע ייִדן אויפן דאָזיקן פלאַץ, און דאָס לאַנגע יאָרן געפּלאָגטע און גערודפטע פאָלק וועט אויפלעבן און וועט ווערן לייטן גלייך.

גאָלאָכאָווסקי האָט געשריבן זיין ביכל, ווייזט אויס, גאַנץ זעלבסטשטענדיק, נעמענדיק ביים מעמאָראַנדום נאָר דעם אַלגעמיינעם געדאַנקען־גאַנג. געשריבן האָט ער זיין ווערק אין אַ הויכן טאָן און מיט אַ טיפן ווייטאָג אין האַרצן, און ס'מאַכט ווירקלעך אויפן לעזער אַ גרויסן איינדרוק. גאָלאָכאָווסקי הייבט אָן אין זיין אַריינפיר פון דעם, אַז „באַטראַכטן יעדן מענטשן ווי אַ קרוב און ברודער, ניט צונעמען ביי קיינעם זיינע נאַטירלעכע רעכט, — דאָס איז דער לאָזונג פון פּראָגרעס, אמת און לעבן. די אידעע פון ברידערלעכקייט טליעט־ציטערט אין האַרצן פון דער מענטשהייט, אָבער צו איר פאַרווירקלעכונג איז נאָך ווייט".

אין אַזאַ גייסט איז געשריבן די גאַנצע הקדמה און צום סוף זאָגט ער, אַז ס'זיינען פאַראַן פעלקער, וואָס די רדיפות פאַרהאַרטעווען זיי און מאַכן זיי גרויס און דערהויבן; ס'זיינען אָבער אויך פאַראַן פעלקער, וואָס פאַלן אין תהום אַריין פון די קלעפּ, וואָס שיטן זיך אויף זיי, — און אַזאַ געפאַלן פאָלק זיינען ייִדן. אָבער ייִדן זיינען ניט שולדיק.

„אויך ייִדן זיינען געווען אַ גרויס פאָלק, אַ איידל און מאָראַליש פאָלק — ביז וואַנען זיי האָבן געהאַט זייער פאָטערלאַנד. גאָטס צאָרן האָט זיי פאַרשיקט אין גלות. ערשט זייענדיק צעוואָרפן צווישן די פעלקער זיינען זיי געוואָרן צו שפּאָט, זיינען געוואָרן קרבנות פון קנעכטשאַפט און רדיפות. זיי זיינען געפאַלן אונטער דער משא פון זייערע אומגליקן — זיי זיינען געוואָרן אַ קרבן פון אומגערעכטיקייט און נגישות. און ס'איז שוין די ריכטיקע שעה צו פאַרהיילן די אַלטע וואונדן, פאַרריכטן די עוולות און אויסשטרעקן זיי אַ ברידערלעכע האַנט".

אָנווייזנדיק, אַז די מערב=אייראָפּעאישע רעפאָרמעס פירן ניט צום ציל, מחמת זיי טראָגן אַ אַנטי=יידישן כאַראַקטער, מחמת זיי צילן צו פאַרניכטן די יידישע נאַציע, און דאָס איז אַ אוממעגליכע זאַך, מיינט ער, אַז מען דאַרף ניט נאכטאָן די דאָזיקע רעפאָרמעס, בפרט נאָך, אַז אין פּוילן, וואו יידן וואוינען אין געדיכטע מאַסן, פאַראייניקט צווישן זיך דורך טויזנטער פעדים, בילדנדיג אַ באַזונדערן סאָציאַלן אָרגאַניזם, און ניט, ווי אין מערב=אייראָפּע, וואו זיי מאַכן אויס איינס פּראָצענט און נאָך ווייניקער און ווערן בטל בששים, — אין פּוילן אַלזאָ מיט זיינע קאָמפּאַקטע יידישע מאַסן וואָלטן אַזעלכע רעפאָרמעס נאָר אויפגעצאָרנט די הערצער פון די יידן און וואָלטן ביי זיי אַרויסגערופן פאַנאַטיזם און אַ גרעסערע שנאה צו די אַרומיקע.

„די פּוילישע יידן — שרייט אויס דער מחבר — דאַרפן ניט קיין חורבן=רעפאָרמעס, ניט קיין צעשטערנדיקע און ברעכנדיקע, נאָר רעפאָרמעס, וואָס בויען אויף און באַנייען דאָס לעבן".

מיט וויפיל קעפּ איז דער דאָזיקער „גוי" העכער פון די משכילים פון יענער צייט, וועלכע האָבן ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין דעם חילוק צווישן די געדיכטע יידישע מאַסן, וואָס בילדן אַ אייגענעם „סאָציאַלן אָרגאַניזם", און דעם טראָפּן מערב=אייראָפּעאישע יידן, וועלכע זיינען ווירקליך בטל בששים געוואָרן אין דער אַרומיקער סביבה; ווי וויט טיפער איז ער אַריינגעדרונגען אינם קערן פון דער יידישער פּראָבלעם, ווען ער האָט דערקלערט, אַז מען דאַרף באַנייען און איבערבויען דאָס יידישע לעבן און ניט עס שטאָפּן מיט רעליגיעזע אָדער קולטורעלע רעפאָרמעס. און ניט אָנהענגען דאַרף מען אַ פאָלק און ניט צווינגען, און ניט מיט געוואַלד שניידן פאות און איבערטאָן די לאַנגע קליידער, ווי די משכילים האָבן דעמאָלט געוואָלט, נאָר ווירקן דורך אויפבויענדיקער אַרבעט, און „בילדונג און אויפלעבונג פונם יידישן פאָלק וועלן קומען פון אים און דורך אים אַליין, פון זיין אייגענער אויפוואַכונג, פון זיין אייגענעם גוטן ווילן, פון אינעווייניקסטער איבערצייגונג און ניט פון דרויסן, פון פרעמדע באַפעלן אָדער פון פרעמדן אָנהענגען".

שוין דער דאָזיקער צוגאַנג צו דער יידישער פּראָבלעם: די פּראָגראַם מוז זיין אַ פּאָזיטיווע, אַ אויפבויענדיקע; דער וועג צום ציל אַ אינעווייניקסטער, אַ זעלבסטשטענדיקער, פון פאָלק און דורכן פאָלק — איז פאַר יענע צייטן אַזאַ אומגעוויינליכער, אַזאַ איבערראַשנדיקער, אַז שוין צוליב דעם אַליין פאַרדינט דער מחבר די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט. ער איז אָבער ווייטער — אינם פאַרשטיין דעם גאַנג פון דער יידישער געשיכטע, אינם אָפּשאַצן די געגנוואַרטיקע לאַגע, אינם ניט שאַנעווען די אַרומיקע וועלט און אינם פּאַטאָס ביים אויסלייגן דעם פּלאַן פון איבערבויען דאָס גאַנצע יידישע לעבן — ניט ווייניקער אָריגינעל און איבערראַשנדיק.

מיר וועלן דורכלאָזן די זייטלאַך, אין וועלכע ער לייגט אויס די אַלטע יידישע געשיכטע, דעם חורבן בית=שני, וויאַזוי די רוימער האָבן געוואָלט עוקר מן השורש זיין דאָס יידישע פאָלק און האָבן דערגרייכט פאַרקערטע רעזולטאַטן, ווייל נאָך אַלע מאַטערנישן און נאָך אַלע אוממענטשליכע רדיפות און איבערמענטשליכע ליידן „שטייט דאָס יידישע פאָלק פעסט ווי אַ פעלז אין מיטן ים, וואָס לאַכט זיך אויס פון

די שלאָגנדיקע אַרום אים כוואַליעס". אַסך פעלקער האָבן זיך איבערגעגעבן דעם קריסטנטום און אונטערגעגעבן דער דאָזיקער אמונה, און „נאָר די יידן, די יידן אַליין, כאָטש זיי האָבן געלעבט צווישן קריסטן און אין קריסטליכע לענדער, זיינען געבליבן טויב צום רוף פון קריסטנטום און האָבן ניט געוואָלט וויסן פון אים".

אָנווייזנדיק, אַז דאָס אָפּטיילן זיך רעליגיעז האָט אָפּגעראַטעוועט די יידן פון נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן אונטערגאַנג און אַז ניט מיט גוטן און ניט מיט בייזן האָט זיך ניט איינגעגעבן אַראָפּרוקן די יידן פון זייער עקשנות-וועג, קומט ער צום אויספיר, אַז סוף כל סוף „זיינען די קריסטן געוואָרן פון פאַרפאָלגטע פאַרפאָלגער, פון גערודפטע רודפים, האָבן פאַרגעסן גאָטס וואָרט, ליבע און שלום".

דער מחבר גיט אַן איבערבליק איבערן גאַנצן שוידערליכן מיטלאַלטער, וועלכן ער הויבט אָן מיט די ווערטער, אַז „אין אַלע לענדער פון דער וועלט איז דער גורל פון די יידן געווען איינער און דער זעלביקער — אומעטום האָבן זיי געטראָפן שנאה, פאַראַכטונג און דערנידערונג", און ער באַמיט זיך דערוויזן, אַז פוילן איז געווען דאָס איינציק לאַנד, וואו מען האָט יידן ניט נאָר געדולדעט, נאָר אמת פריינדליך אויפגענומען, קיינמאָל ניט געוואָלט זיי אַסימילירן און פאַרניכטן זייערע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן, נאָר, פאַרקערט, מען האָט זיי געגעבן אַ מעגליכקייט שאַפן אַ נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אַ סך מיטגעהאָלפן איינהאַלטן דעם יידישן נאַציאָנאַלן קיום. די יידן זיינען אָבער שוין געווען אַזוי פאַרביטערט קעגן די קריסטן פאַר די איבערגעטראַגענע אוממענשליכע ליידן, אַז זיי האָבן די טובות און חסדים פין פוילישן פאָלק ניט געקאָנט ווי געהעריק אָפּשאַצן, האָבן זיך פאַרשלאָסן אין זיך, אָפּגעשלאָסן פון דער אַרומיקער וועלט, געבליבן פרעמדע און ווייטע אין לשון, אין דענקען, אין גייסט, אין שטרעבן און אין גאַנצן לעבן.

דער מחבר דערציילט, ווי ס'האָט זיך צו ביסלאַך געביטן אין פוילן די באַציאונג צו יידן, ער באַשולדיקט די יידן, אַז זיי האָבן פאַרכאַפּט דעם גאַנצן מסחר און מיידן אויס שווערע אַרבעט, לעבן פון שוויס פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג, און קומט צו דער וויכטיקייט פאַר דער גאַנצער וועלט אומקערן די יידן צו זייער אַמאָליקן מעמד, זיי מאַכן צוריק פאַר אַ זעלבשטענדיקער נאַציע. פיר וועגן איז מען געגאַנגען אין דער געשיכטע, כדי צו ווירקן אויף יידן: צ וו אַ נ ג, ש מ ד, ה ש כ ל ה און ג ל י י כ ע ר ע כ ט. ער פאַרוואַרפט אַלע פיר מעטאָדן. צוואַנג? טויזנט פינף הונדערט יאָר האָבן אַלע פעלקער ניט אויפגעהערט צו פייניקן דאָס קליינע יידישע פאָלק, און ס'איז צייט, אַז מען זאָל דערפון אָפּלערנען, אַז „אַ פאָלק, וואָס האָט אַ זעלבסטגעפיל און אַ זעלבסטבאַוואוסטזיין און וויל לעבן, קאָן מען ניט ניט איינשלינגען, ניט אויסראָטן".

שמד? אָבער די געשמדטע מאַכן ניט אויס אפילו קיין איין טויזנטל פונם יידישן פאָלק, וואָס וואַקסט און פראָגרעסירט.

השכלה? אָבער קען מען דען מאַכן אַלע יידן פאַר למדנים? און חוץ דעם לעבט מען דאָך ניט נאָר פון בילדונג.

קיין גלייכע רעכט מיט די קריסטן קאָן מען אויך די יידן ניט געבן, מחמת זיי מיט זייערע פעאיקייטן וועלן צונעמען ביי די פריצים די מאַיאָנטקעס, וועלן באַזעצן

אַלע מלוכה־שטעלעס, וועלן בכלל שטייגן און די קריסטן וועלן פאַלן און פאַלן, ביז דער צעזייצטער המון וועט זיך אין די יידן מערדעריש נוקם זיין.

און דער מחבר גיט צו: „אַלע ביזאיצטיקע רעפאָרמעס האָבן ניט געבראַכט קיין נוצן, מחמת זיי האָבן מער אין זינען געהאַט די אינטערעסן פון די קריסטן, ווי פון די יידן". דער וויכטיקסטער תנאי איז פאַר יעדער רעפאָרם, אַז די יידן אַליין זאָלן זי אָננעמען, אין „ניט מיט געוואַלד, ניט מיט צביעות און ניט מיט פאַלשקייטן קאָן מען צווינגען די יידן אָננעמען אַ רעפאָרם", וואָרים די יידן וועלן אַרויסטרעטן קעגן יעדן שנוי, וואָס דראָט זייערע טראַדיציעס, וואָס שטרעבט אויסראָטן אין זיי זייער עבר, אַלץ, וואָס ס'איז זיי הייליק. און ער קומט צום אויספיר, אַז אַלע חסרונות פון די יידן און אַלע זייערע ליידן האָבן נאָר איין מקור — גלות, דאָס וואָס יידן זיצן צווישן פרעמדע פעלקער, וואָס זיי האָבן ניט קיין פאַטערלאַנד. און די איינציקע תרופה צו אַלע צרות, די איינציקע רפואה צו אַלע מכות — זיי געבן אַן אייגן לאַנד, אַ מלוכה, א פאַטערלאַנד!

„לאָמיר געבן די יידן אַ שטיק לאַנד, וואָס זאָל קאָנען ווערן זייער אייגנס, וואָס זאָל קאָנען ווערן זייער פאַטערלאַנד, וועלן מיר דעמאָלט זעען, צי וועלן זיי ניט אָפּטרייסלען פון זיך די גאַנצע טרויעריקע ירושה פון לעבן אין דער פרעמד, צי וועלן זיי ניט ליב קריגן דאָס דאָזיקע לאַנד, צי וועלן זיי עס ניט הייליק מאַכן מיט זייער פראַצע".

ווער קאָן געבן די יידן אַ גרויסע שטרעקע ערד, וואָס זאָל קאָנען אַריינעמען מיליאָנען יידן? נאָר רוסלאַנד, וועלכע פאַרמאָגט אויף די ברעגן פון קאַספּישן און שוואַרצן ים און אין קאַווקאַז קאָלאָסאַלע פרייע ערד־שטחים.

„פוילן האָט געגעבן די יידן ברויט, רוישטאָף; רוסלאַנד האָט די מעגליכקייט עפּעס גרעסערעס אויפצוטאָן — זי קאָן זיי געבן אַ פאָטערלאַנד!"

„ליגן דאָך אין רוסלאַנד גרויסע שטרעקעס לאַנד, גאַנצע לענדער, ליגן בתולה־דיק, ניט־באַאַרבעט צוליב מאַנגל אין הענט. געבן די יידן עטליכע טויזנט קוואַדראַט מייל פון אַזאַ פרייען פרוכטבאַרן באָדן, שאַפן דאָרט אַ זעלבשטענדיקע פראָווינץ וואָלט ניט נאָר ניט געווען שעדליך פאַר רוסלאַנד, נאָר, פאַרקערט, זי וואָלט דערמיט אויפגעוועקט לעבן דאָרט, וואו איצט איז אַלץ טויט, וואָלט צוגעגעבן אַ ווערט ערד, וואָס איצט האָט זי קיין שום ווערט ניט; דערביי וואָלט זי באַפרייט אַ גאַנץ לאַנד פון שווינדלערישן האַנדל־מאָנאָפּאָל און זי וואָלט איבערגעשמאָלצן אַ קאַסטע ליידיקגייער און שאַכער־מאַכער אין אַ נוצליכן צבור, וואָס וואָלט אַוועקגעוואָרפן זיינע שלעכטע נעוונ".

ס'איז ניט קיין חוב, אַז אַלע יידן זאָלן פאַרלאָזן פוילן — די פאַבריקאַנטן און בכלל רייכע יידן קאָנען בלייבן און זיין ווייטער נוצליך דעם לאַנד; דער עיקר דאַרף מען רעכענען אויף דער אויסוואַנדערונג פון די אָרימע עלעמענטן.

די געשאַפענע פראָווינץ מוז טאַקע געהערן רוסלאַנד, אָבער די זעלבסטפאַר־וואַלטונג מוז זיין נאָר אַ ברייטע, דאָס הייסט, אַז די אַדמיניסטראַציע מוז זיין נאָר אַ

יידישע און אויך אין יידישן גייסט, ווייל ס׳איז זייער וויכטיק שאַפן די בעסטע און פּאַסיקסטע אַטמאָספער פאַר דער אויפלעבונג פון יידישן פאָלק. נאָר די אויסלענדישע פּאָליטיק דאַרף געפירט ווערן פון דער צענטראַלער רוסישער רעגירונג — אין אַלע איבעריקע פּרטים מוז דאָס לאַנד זיין אַבסאָלוט זעלבשטענדיק, ווייל „נאָר דעמאָלט וועט דאָס יידישע האַרץ פול ווערן מיט ליבע צו דעם דאָזיקן לאַנד און ס׳וועלן זיך אין אים אויפוועקן געפילן פון דאַנקבאַרקייט, צוטרוי און איבערגעבנקייט צום קייסער, וואָס האָט ז׳י באַגליקט“.

דער מחבר איז אַבסאָלוט קעגן יעדן צוואַנג צו אויסוואַנדערן אָדער מיט געוואַלד צו קאָלאָניזירן יידן — אַ לאַנד, וואָס וועט געהערן נאָר יידן און וואו די מאַכט וועט זיין אַ יידישע, אַ לאַנד, וואָס זאָגט צו פרייהייט, אויסלייזונג פון רדיפות און שפּאָט, פון באַגרענעצונגען און קנעכטשאַפט, וועט ממילא ווערן אַזאַ צוציאונג־קראַפט פאַר די יידן, אַז זיי וועלן זיך לאָזן מאַסנווייז אַהינצו.

די קאָלאָניזאַציע־הוצאות וועלן אויך ניט פאַלן אויף דער רוסישער רעגירונג. „נאָר דער ערשטער שטוים, דער ערשטער פּרוּוו און ביישפּיל דאַרף אַרויסגיין פון דער רעגירונג. מען דאַרף אַריבערפירן עטליכע טויזנט יידישע משפחות, זיי באַזעצן אויף באָדן, אויסבויען פאַר זיי הייזער, פאַרזאָרגן מיט באַלעבאַטישקייט; אויך אויסבויען אַ פּאָר שטעט און באַזעצן מיט סוחרים און בעלי־מלאכות — די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג וועט שוין קומען פון זיך אַליין דורך איבערגעבן איינצלנע אָדער פאַראייניקטע יידישע קאַפּיטאַליסטן שטרעקעס ערד אויף באַזעצן יידן. די יידישע פּראָווינץ האָלט זיך אויף אַזאַ אופן באַדעקט מיט אַ נעץ דערפער, ישובים און שטעט“.

די ערד דאַרף מען געבן אומזיסט; די קאָלאָניסטן מוזן באַפרייט ווערן פון שטייערן און פון מיליטער.

אין דער בראָשור, וואָס איז אַרויס אין פּויזן אָן אַ נאָמען פון דעם מחבר, ווערט נאָך פאַרענטפערט די פראַגע, פאַרוואָס זאָל מען בעסער ניט אויפשטעלן פּאַלעסטינע, ווייל „די קליינע פּאַלעסטינע קאָן קוים עטליכע הונדערט טויזנט יידן פון גלות אַרייננעמען און פאַר עטליכע מיליאָן יידן קאָן מען קוים ערנסט באַטראַכטן דאָס דאָזיקע לאַנד פאַר פּאַסיק“.

אינם שלום־וואָרט ווערט גאָלאָכוואַסקי נאָכאַמאָל פּאַטעטיש און שרייט אויס:

„אָך און ווי איז צו די יידן אין דער פרעמד, אָן אַ פאָטערלאַנד, געפּלאָגטע און געיאָגטע.

„יידן בענקען נאָך אַן אייגן לאַנד, זיי פילן זייער גוט, אַז נאָר אין אַ אייגן לאַנד וועלן זיי אויפלעבן, וועלן זיי אַרויס פון זייער שפלות און קנעכטשאַפט און וועלן צוריק אַריין אין דער פעלקער־משפחה.

„מיט דעם שאַפן פון אַ יידישער פּראָווינץ וואָלט זיך רוסלאַנד אויפגעשטעלט אַ דענקמאָל אויף אייביק אין דער מענטשליכער געשיכטע.

„ווייל אין דער אמתן — איז דען דאָ אַ דערהויבענערע מיסיע, ווי דערהויבן און אויפלעבן אַ געפאַלן פאָלק?

„טרוימען מיינע! איך שיק אייך אין דער וועלט אַריין. גייט פּרעדיקט גליק פאַר אַן אַרויסגעטריבן פאָלק און פאַר מיינע סלאַווישע ברידער! הלוואי איר זאָלט געפינען אָפּקלאַנג, הלוואי איר זאָלט פאַרווירקליכט ווערן אין לעבן!

„אָ, גאָט! העֶר צו מיין געבעט, העלף מיר, איך זאָל דערלעבן זעען פאַרווירקליכט מיינע האָפענונגען!"

דער מלוכה־שטאַנדפּונקט, אַלס לייזונג פון דער יידישער פּראָבלעם, טעריטאָריאַלע קאָנצענטראַציע אַלס אויסגאַנג פון אַלע צרות און אָנהויב פון יידישן רענעסאַנס, וועלכע האָבן געפונען זייער טיילווייזן תּיקון אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אין דער טעריטאָריאַליסטישער אידעאָלאָגיע, האָבן ביים פרעמדן פּאָליאַק געפונען זייער פולסטן און פּאַטעטישסטן אויסדרוק שוין צוריק מיט אַכציק יאָר. און אינטערעסאַנט איז דערביי, וואָס דרום־רוסלאַנד, וואָס איז די לעצטע יאָרן געוואָרן פאַר איינע אַ נייער טרוים וועגן אַ יידישער רעפּובליק, פאַר אַנדערע אַ מקום־מקלט פאַר צענדליקער טויזנטער יידן און אַן אָרט פאַר קאָנצענטרירטער קאָלאָניזאַציע פון ברייטע יידישע מאַסן, פאַר אַלע יעדנפאַלס אַן אָרט פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע און פאַר ברייטע אויטאָנאָמיע־מעגליכקייטן — דער דאָזיקער דרום־רוסלאַנד פיגורירט אינם פּראָיעקט פון 1841 יאָר אַלס בעסטער פונקט פאַר אויפשטעלן אַ יידישע מלוכה, אַלס בעסטער פלאַץ פאַר איבערבויען דאָס יידישע לעבן און אויפלעבן דאָס יידישע פאָלק.

V.

די אויסוואַנדערונג פון דײַטשישע ײדן און די קאָלאָניזאַציע־פּלענער אין פּויזן

מיר האָבן אין די פריערדיקע קאַפּיטלאַך גערעט נאָר וועגן עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע בײַ די מזרח־אײראָפּײאישע ײדן. און מיר האָבן גערעט מערסטנטײלס וועגן פּראָיעקטן, ווײַל כאָטש די נויט איז געווען גרויס, איז די אויסוואַנדערונג פון דאָרטן געווען פּאַקטיש ניט באַדײַטנדיק. עמיגרירט, באמת עמיגרירט, אין פאַרהעלטניסמעסיק גרויסע מאַסן — אין פאַרגלײַך מיט דער אַבסאָלוטער צאָל ײדן — האָבן דעמאָלט ד ײ ט ש ע ײדן.

און די דאָזיקע עמיגראַציע וועלן מיר איצט באַטראַכטן.

שוין אין 18־טן יאָרהונדערט איז געגאַנגען אַ באַדײַטנדיקע פאַר יענער צײַט אויסוואַנדערונג פון דײַטשלאַנד — לויט שאַצונגען האָבן אויסגעוואַנדערט פון דײַטשלאַנד אין משך פון דאָזיקן יאָרהונדערט פון 80 ביז 100 טויזנט מענטשן נאָר קיין אַמעריקע. פיל גרעסער איז געווען די אויסוואַנדערונג פון דײַטשלאַנד אין 19־טן יאָרהונדערט. דער שנעלער וואוקס פון דער באַפעלקערונג, וואָס ס׳האָט געבראַכט צו אַ צעברעקלונג פון די פויערשע ווירטשאַפטן און צום אויפקומען פון אָרימן קלײנפויער; דער חורבן פון אײניקע צווײַגן האַנטווערק צוליבן אויפקומען פון קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריען; פון דער צווײטער זײַט די פאַרגרינגערטע איבערפאָר־מעגליכקײטן און די צוציענדיקע פערספּעקטיוון אין די פאַראײניקטע שטאַטן — אָט די אַלע סבות האָבן אויפגעטריבן גרויסע מאַסן פון זײערע ערטער און זײ געטריבן מעבר לים און בכלל פון דײַטשלאַנד. אַזוי זײַנען אַרויסגעפאָרן פון דײַטשלאַנד קיין רוסלאַנד אין די יאָרן פון 1816 ביז 1826 בערך אַ פערטל מיליאָן דײַטשן[44]. ווי ס׳איז געוואַקסן די אויסוואַנדערונג אין די פאַראײניקטע שטאַטן אַרײַן ווײַזן פאָלגנדיקע דאַטן:

פון 1820 ביז 1830	. . . . . .	7.729
„ 1831 „ 1840	. . . . . .	152.454
„ 1841 „ 1850	. . . . . .	434.626

---

44) Auswanderung. Handwörterbuch der Staatswissenschaften. 25. Lieferung, Jena. S. 94.

לויט די דאָזיקע אָפֿיציעלע אַמעריקאַנער דאַטן קומט אויס, אַז אין דרייסיק יאָר האָבן אַריינגעוואַנדערט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן קרוב צו זעקס הונדערט טויזנט דייטשן. די דייטשע סטאַטיסטיקער האַלטן די דאָזיקע ציפֿער פֿאַר ניט ריכטיק און רעכענען פֿאַר דערזעלבער צייט ביז ניין הונדערט טויזנט איינגעוואַנדערטע[45].

זעלבסטפֿאַרשטענדליך, אַז די אַלע סיבות, וואָס האָבן אַרויסגערופֿן און באַאיינפֿלוסט די אַלגעמיינע אויסוואַנדערונג פֿון דייטשלאַנד, האָבן געמוזט ווירקן אין יידישן לעבן נאָך אַ סך שטאַרקער, ווייל דער סאָציאַלער בוי און די פּאָליטישע לאַגע פֿון די דייטשע יידן זיינען געווען גאַנץ אַנדערש, ווי פֿון דער ניט־יידישער באַפֿעלקערונג. די דייטשע יידן האָבן שוין דעמאָלט פֿאַרמאָגט אַ דינעם שיכט גאַנץ רייכע באַנקירן, פֿאַבריקאַנטן און גרויסע סוחרים, וועלכע האָבן צוליב זייער פֿינאַנסיעל־עקאָנאָמישער מאַכט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע אינם אַרומיקן פּאָליטישן לעבן. יורידיש נאָך ניט גלייכבאַרעכטיקט, האָט דער דאָזיקער ערשטער דור יידישע קאַפּיטאַליסטישע גרויס־בורזשואַזיע זיך מיט געוואַלט אַריינגעריסן אין אַרומיקן פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן און גלייך פֿאַרכאַפּט אַן אָרט אויבן אָן. צו דער צייט פֿון דער דייטשער רעוואָלוציע פֿון 1848 איז שוין געהאַט אויפֿגעקומען אויך אַ שיכט יידישע אינטעליגענץ, וואָס האָט ניט נאָר אָנגעפֿירט מיט דער יידישער עמאַנציפּאַציע־באַוועגונג, נאָר האָט אויך זיך ברייט באַטייליקט אין דער אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די דאָזיקע ביידע גרופּעס האָבן אָבער דעמאָלט נאָך אויסגעמאַכט גאָר אַ נישטיקן פּראָצענט פֿונם דייטשן יידנטום — דער גרויסער רוב דייטשע יידן איז געווען קליינשטעטלדיק און קליינקרעמעריש. כמעט צוויי דריטל פֿון דעמאָלטיקן דייטשן יידנטום איז געווען פֿאַרנומען אין קליינקרעמעריי, אין אויפֿקויף פֿון תבואה און פֿי אין די דערפֿער און ניט אין קיין קליינער מאָס אין הויזירן, דאָס הייסט אין אַרומטראָגן אויף די פּלייצעס סחורה פֿאַרן אָרימען פּויערשן קונה. אמת, דער קאַפּיטאַליזם האָט אין דייטשלאַנד געמאַכט זיינע ערשטע ברייטע טריט נאָך ערב דער רעוואָלוציע פֿון 1848, און די יידן האָבן שוין דעמאָלט אָנגעהויבן ציען אין און צו די גרויסע שטעט און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אויסבילדן יענער ברייטער יידישער פֿעטער און באַדינגעסטיקער מיטל־שטאַנד, וואָס איז געוואָרן צום סוף 19־טן יאָרהונדערט די מערהייט פֿון דייטשן יידנטום. פֿאַר דער רעוואָלוציע פֿון 1848 זיינען שוין געווען קענטיק די שפּראָצונגען און התחלות פֿון דער שפּעטערדיקער ראַשער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, אָבער די דאָזיקע אָנהויבן האָבן ניט געקאָנט אָפּשוואַכן די ירידה פֿון די יידישע קליינשטעטלדיק־קליינקרעמערישע עלעמענטן, וועלכע האָבן ביים צעפֿאַלן פֿון די פֿעאָדאַל־פּריצישע אָפּגעלעבטע און אָפּגעשטאָרבענע לעבנס־פֿאָרמען פֿאַרלאָרן דעם באָדן אונטער די פֿיס. די ערשטע העלפֿט פֿון 19־טן יאָרהונדערט איז געווען פֿאַר גאַנץ דייטשלאַנד אַ שווערע איבערגאַנגס־צייט אין עקאָנאָמישן און פּאָליטישן זין — טויזנט מאל שווערער איז זי געווען פֿאַרן דייטשן יידנטום, וועלכעס איז געווען אַבסאָלוט רעכטלאָז, האָט נאָך ניט געהאַט אַפֿילו קיין וווין־רעכט אין אַ סך שטעט, האָט ניט געהאַט פֿרייע באַוועגונג־רעכט, האָט געליטן פֿון אָפֿטע איבערפֿאַלן און אָנפֿאַלן

[45] דאָרטן.

פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג, האָט געליטן גענוג רדיפות און באַליידיקונגען פון דער מאַכט און האָט זיך בכלל געפונען אין דער מדרגה פון בירגער פון דריטן אָדער פערטן קלאַס.

גיט מען נאָך צו, אַז נאָך די צעטיילונגען פון פוילן האָט דייטשלאַנד באַקומען אַ ירושה פון כמעט הונדערט טויזנט פוילישע יידן, וועלכע האָבן אויסגעמאַכט בערך אַ דריטל פון גאַנצן דייטשישן יידנטום, און אַז אין די דאָזיקע געוועזענע פוילישע קאַנטן איז געווען די אָרימקייט פון די מאַסן נאָך אַסך גרעסער, ווי אין די ריין־דייטשישע מקומות, און דערביי האָט כמעט ווי געפעלט דער אויבנדערמאָנטער רייכער שיכט גרויס־בורזשואַזיע, ווערט קלאָר, אַז סיבות צו זוכן גליק אין די ווייטע לענדער איז פאַר די יידן געווען אַסך מער, ווי פאַר דער אַרומיקער ניט־יידישער באַפעלקערונג. און די דייטשע יידן, אַריינגערעכנט די געוועזענע פוילישע יידן, וואָס זיינען געוואָרן דייטשע בירגער און אָנגעהויבן געניסן פון דער דייטשער קולטור, זיינען געוואָרן פיאָנערן פון אַ באַוועגונג, וועלכער ס'איז באַשערט געווען איבערצואַנדערשן ביז די טיפסטע גרונטן דאָס גאַנצע יידישע לעבן. זיי זיינען געוואָרן פיאָנערן פון אַ איבערוואַנדערונג, וועלכע האָט ניט איר גלייכן אין דער יידישער געשיכטע, ווייל זי האָט אין הונדערט יאָר אַריבערגעשיקט מעבר לים אַסך מער יידן וויפל ס'איז געווען אויף דער גאַנצער וועלט אָנהויב 19־טן יאָרהונדערט און זי האָט, פון איין זייט, צעשפרייט און פאַרשפרייט דאָס יידישע פאָלק איבער אַסך מער לענדער און מלוכות, ווי ווען ס'ניט איז, און פון דער צווייטער — געבראַכט צו אַ געוואַלטיקער קאָנצענטראַציע פון גרויסע קאָמפאַקטע יידישע מאַסן אין די גרעסטע צענטרן פון דער וועלט.

די צעשפרייטונג פון יידישן פאָלק אין 19־טן יאָרהונדערט איבער נייע וועלט־טיילן און איבער נייע אייראָפייאישע מלוכות האָבן אָנגעהויבן די דייטשע יידן. די דייטשע יידן האָבן אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט געשיקט אויסוואַנדערער קיין ענגלאַנד און פראַנקרייך. דער גרעסטער טייל פון די אַזוינגערופענע אשכנזיש־ענגלישע יידן, ד. ה. פון דער ענגליש־יידישער גרויס־ און מיטל־בורזשואַזיע, ניט רעכענענדיק די אָנגעקומענע אין די לעצטע 50 יאָר מזרח־אייראָפייאישע אַרבעטנדיקע מאַסן, קומט אַרויס פון דייטשישע יידן, וועלכע האָבן ערשט צוריק מיט הונדערט יאָר געלעבט ערגיץ אין אַ פראָווינץ פון בייערן אָדער פרייסן. אויך אַ גאַנץ גרויסער טייל פון די איצטיקע פראַנצויזישע יידן, פון די אַסימילירטע אַלט־איינגעזעסענע פראַנצויזישע יידן, שטאַמט, באמת, פון די פויזענער אָדער בייערישע יידן, שוין אָפגערעדט פון עלזאַס־לאָטרינגישע יידן, וועלכע זיינען געווען פאַר פאַריז דאָס זעלבע, וואָס די פויזענער יידן פאַר בערלין.

אין די זעלביקע יאָרן האָבן די דייטשע יידן מאַסנווייז אָנגעהויבן פאַרלאָזן די פראָווינציעלע שטעטלאַך און זיך אָנגעהויבן ציען אין די גרויסע האַנדלס־ און אינדוסטריע־צענטרען — אַ באַוועגונג, וועלכע האָט באַקומען גרויסע מעגליכקייטן אויף זיך פאַרווירקליכן ערשט אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט. אַזוי ווי אָבער דער יידישער קליין־הענדלער און קליין־קרעמער און אין פויזן אויך דער יידישער

האַנטווערקער האָבן שוין אין דער ערשטער העלפֿט פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט געמוזט מאַסן־ווייז זוכן נייע ערטער, ווייל זיי זיינען אין די אַלטע וואוין־ערטער אָדער געוואָרן נאָר איבעריק אָדער אַרויסגעשטויסן געוואָרן פֿונם אויפֿגעקומענעם קריסטליכן אַנטשפּרעכנדיקן עלעמענט, האָבן די דייטשע יידן אויך געלייגט דעם יסוד צו דער איבערוואַנדערונג קיין אַמעריקא. אויף אַזאַ אופֿן האָט זיך באַקומען, אַז אין אַלע גרעסטע צענטרען, וואוהין די מזרח־אייראָפּייאישע אַרבעטנדיקע מאַסן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין מיליאָנען די לעצטע 50 יאָר, האָבן זיי געטראָפֿן מער אָדער ווייניקער גרעסערע קאָלאָניעס פֿון דייטשע יידן: אין לאָנדאָן, אין פּאַריז, אין שיקאַגא, פּילאַדעלפּיע, ניו־יאָרק, איבעראַל האָבן די רוסיש־פּוילישע יידן געטראָפֿן געמיינדעס פֿון דייטשע יידן, וועלכע האָבן ניט ווייניק פֿאַרגרינגערט דאָס לעבן פֿון די דאָזיקע אָרימע מאַסן. די שמאָלע סטעזשקעלאַך פֿון די דייטשיש־יידישע פּיאָנערן־אויסוואַנדערער זיינען פֿון די גרויסע מאַסן פּויליש־רוסיש־יידישע אויסוואַנדערער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין ברייטע וועגן, דורך וועלכע ס'זיינען פֿון אייראָפּע דורכגעגאַנגען באַ פֿיר מיליאָן יידן.

די קליינע גרופּקעס דייטש־יידישע אויסוואַנדערער האָבן אומעטום זיך אַרויפֿגעאַרבעט צו די העכסטע שטאַפּלען פֿון סאָציאַלן לייטער און פֿאַרנעמען אומעטום דעם אויבן־אָן אין יידישן לעבן, ווען די גרויסע מאַסן פּויליש־רוסישע יידן האָבן אויסגעטיילט גרויסע גרופּעס פֿאַבריק־ און האַנטווערק־אַרבעטער.

און ס'איז זייער גרינג אויפֿשטעלן אַ געוויסע אידענטישקייט צווישן דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פֿון די דייטשע יידן אין זייער אַלטער היים און אין די איינוואַנדערונג־לענדער, וועלכע קאָן כאַראַקטעריזירט ווערן ווי אַ שטענדיקער אויפֿשטייג פֿון קליין־קרעמעריי און קליין־האַנדל צו באַנק־ און בערזע־געשעפֿטן, צו גרויס־האַנדל און גרויס־קרעמעריי, פֿון האַנטווערק צו מיטל־ און גרויס־אינדוסטריע, אַ אויפֿשטייג, וואָס ווערט די גאַנצע צייט באַגלייט מיט אַ אויסטיילן פֿון אַלע קלאַסן באַדייטנדיקע עלעמענטן פֿאַר ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס. ווי ס'איז אויך מעגליך אויפֿשטעלן אַ געוויסע אידענטישקייט צווישן דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פֿון די מזרח־אייראָפּייאישע יידן אין די אויסוואַנדערונג און איינוואַנדערונג־לענדער, וועלכע חזרן איבער, פֿון איין זייט, די זעלבע פּראָצעסן, וואָס ביי די דייטשע יידן, נאָר אין אַ סך אַ שוואַכערער מאָס, אָבער פֿון דער צווייטער זייט פּאַסן זיי צו גרויסע מאַסן פֿאַרמיטלעריש־הענדלערישע עלעמענטן צו פֿאַבריק־אַרבעט און האַנטווערק, אויסבילדנדיק אַ באַדייטנדיקן יידישן האַנדל־ און פֿאַבריק־פּראָלעטאַריאַט.

ס'איז גאָר ניט קיין צופֿאַל, וואָס אין די אַכציקער יאָרן, ווען ס'זיינען געקומען גרעסערע מאַסן איינוואַנדערער קיין לאָנדאָן און ניו־יאָרק פֿון רוסלאַנד און פּוילן, האָבן זיי געפֿונען אַרבעט אין די שניידער־פֿאַבריקן פֿון דייטשישע יידן, וועלכע זיינען אַהין געקומען פֿריער מיט עטליכע צענדליק יאָר און האָבן שוין באַוויזן זיך אַרויפֿאַרבעטן און ווערן פֿון פּראָדוצענטן אָרגאַניזאַטאָרן פֿון דער פּראָדוקציע. אָרימע יידישע שניידער פֿון פּויזן און בייערן, וואָס האָבן איינגעוואַנדערט אין די 40־ער און 50־ער יאָרן און האָבן די ערשטע צייט שווער געאַרבעט אין זייער פֿאַך אָדער האָבן נאָר געפּעדלט, האָבן צו די אַכציקער יאָרן שוין געהאַט אָנגעזאַמלט באַדייטנדיקע קאַפּיטאַלן און זיינען

געוואָרן די אונטערנעמער פון דער שניידער=אינדוסטריע, וועלכע איז געוואָרן איינע פון די גרעסטע אינדוסטריע=צווייגן, ווי אין אַמעריקאַ אַזוי אויך אין ענגלאַנד[46]. דער צווייטער דור פון די דאָזיקע געוועזענע פּויזענער אָדער בייערישע שניידער אָדער קליינקרעמער גייט איבער צו העכערע האַנדל= און אינדוסטריע=אונטערנעמונגען, אָפט אויך צו ליבעראַלע פּראָפעסיעס, אָפּטרעטנדיק דאָס אונטערנעמער=אָרט אין די טראַדיציאָנעלע יידישע בראַנזשעס פאַר די דערווייל אויפגעקומענע און אַרויפגעאַרבעטע איינוואַנדערער פון פּוילן און רוסלאַנד. און אינם איינוואַנדערונגס=לאַנד — אין די פאַראייניקטע שטאַטן — חזר'ט זיך איבער דאָס זעלבע, וואָס אין די אַלטע היימען. די קליינע גרופּע דייטשע יידן האָט אין איר גרעסטן רוב דורכגעמאַכט דעם אויבן באַשריבענעם סאָציאַלן אויפשטייג=פּראָצעס ווי אין דייטשלאַנד גופא; די גרויסע מאַסן פּויליש=רוסישע איינוואַנדערער האָבן אויסגעטיילט אַ געוויסן שיכט, וואָס האָט גענאָסן פונם סאָציאַלן אויפשטייג=פּראָצעס, אָבער די געדיכטע מאַסן זיינען געבליבן אַרבעטמענטשן אָדער קליינע הענדלער און קרעמער.

מיר האָבן שוין העכער, אגב אורחא, באַמערקט, אַז רעדנדיק וועגן די דייטשע יידן אַלס פּיאָנערן פון דער גרויסער יידישער פאַרשפּרייטונג איבער דער גאָרער וועלט אין 19=טן יאָרהונדערט, מוז מען געדענקן, אַז אין אמתן זיינען געווען די דאָזיקע פּיאָנערן אין זייער רוב פּוילישע יידן, וועלכע זיינען ניט לאַנג געוואָרן דייטשע בירגער, האָבן באַוויזן קוים אַ שמעק טאָן פון דער דייטשער קולטור, האָבן אָבער ווייזט אויס אַפילו אין דער קורצער צייט באַוויזן שטאַרק באַאיינפלוסט צו ווערן, ווארום די פּויזענער פּוילישע יידן האָבן שוין דעמאָלט אַרויסגעוויזן אַ סך מער רירעוודיקייט און באַוועגלעכקייט, אַ סך מער ענערגיע און אַקטיווקייט אינם קאַמף פאַר אַ בעסער לעבן, ווי די איבעריקע פּוילישע יידן.

אַז די געוועזענע פּוילישע יידן האָבן זיך שטאַרק באַטייליקט אין דער ערשטער יידישער עמיגראַציע פון דייטשלאַנד, זיינען פאַראַן אַ סך באַווייזן. אַזוי שרייבט אַ גוטער קענער פון נעץ=דיסטריקט, וועלכער איז אין 1772 אַריבער פון פּוילן צו דייטשלאַנד:

„ווייל די יידן קאָנען ניט צוליב זייער גרויסער צאָל זיך אויפהאַלטן דאָ, זיינען זיי געגאַנגען אין גרויסע מאַסן און גייען איצט אויך נאָך קיין אַמעריקאַ אָדער אין די הויפּט=שטעט. אַזוי קאָן מען געפינען איצט אין בערלין גאַנצע יידישע קאָלאָניעס פון צעמפּעלבורג און מערקיש=פרידלאַנד“[47].

איבער פּויזן און מערב=פּרייסן שרייבט אַ. מאַרקאָוו:

„יענע גרויסע אויסוואַנדערונג פון די פּראָווינצן פּויזן און מערב=פּרייסן איז געווען אין איר גרעסטער מאָס אַרויסגערופן דורך דער עמיגראַציע פון יידן“[48] און מאַרקאָוו

[46]) L. Levine. — Women's Garment Workers. A history of the International Ladies Garment Workers' Union. New York. 1924.. S. 9, 15.

[47]) F. Schmidt, Topographie des Flatower Kreises. Preußische Provinzialblätter. Königsberg. 1854. V. S. 450.

[48]) A. Markow: Das Wachstum der Bevölkerung und der Entwicklung der Aus- und Einwanderungen, Ab- und Zuzüge in Preußen und Preußens einzelnen Provinzen. Tübingen. 1880. S. 137.

באַרעכנט, אַז פֿון 72820 אויסוואַנדערער פֿון פּויזן פֿאַר די יאָרן 1873—1824 זיינען געווען יידן 48209 אָדער 66,2%. אַזוי ווי יידן האָבן אין דער ערשטער העלפֿט פֿון 19-טן יאָרהונדערט אויסגעמאַכט אין פּויזן 6%—5, קומט אויס, אַז זיי האָבן זיך אין דער אויסוואַנדערונג באַטייליקט 12—11 מאָל מער, ווי זייער פּראָצענט אין דער באַפֿעלקערונג. אויך אין דער אויסוואַנדערונג פֿון גאַנץ פּרייסן האָבן יידן זיך באַטייליקט 12—11 מאָל מער, ווי זייער אָנטייל אין דער באַפֿעלקערונג [49]. ס'איז אינטערעסאַנט, ווי פֿאַרשיידענע נאַציעס האָבן זיך באַטייליקט אין דער אויסוואַנדערונג פֿון פּויזן אין דער נאָר וואָס דערמאָנטער צייט (73—1824). דער ציטירטער מאַרקאָוו שרייבט: „באַרעכנט אויף יעדער יאָר קומט אויס, אַז אויף יעדע טויזנט פֿון דער באַפֿעלקערונג פֿון יעדער אמונה האָבן אויסגעוואַנדערט:

ביי יידן	13,4
ביי פּוילן	1,0

און ביי דייטשן איז צוגעוואַנדערט 0,9 אויף יעדע טויזנט“ [50].

ווי באַקאַנט, איז פּויזן כמעט אינגאַנצן געבליבן אָן יידן און ערשט איצט הויבן אָן צוריק אויפֿלעבן די יידישע קהלות דורך אַ נייעם צושטראָם פֿון יידן פֿון די איבעריקע טיילן פֿון פּוילן. די אויסוואַנדערונג פֿון די פּויזענער יידן אין משך פֿון 19-טן יאָר-הונדערט קאָן אייגעטיילט ווערן אין צוויי פּעריאָדן: פֿון 1830 ביז 75—1870 זיינען געלאָפֿן פֿון פּויזן מערסטנטיילס אָרימע יידישע בעלי-מלאכות, אָרימע אָדער פֿאַר-אָרימטע יידישע קרעמער, וועלכע האָבן געזוכט פּשוט ברויט, פּרנסה; אין דערזעלבער צייט איז אויסגעוואַקסן טאַקי אין פּויזן אַ יידישער מיטל-שיכט, וועלכן ס'איז געוואָרן ענג דאָרטן און וועלכער האָט געהאַלטן פֿאַר בעסער אַריבערפֿאָרן אין די אויסגעוואַקסענע און ווייטער וואַקסנדיקע גרויסע שטעט, דער עיקר קיין בערלין, וואו זיי האָבן געהאָפֿט צו מאַכן גרעסערע און בעסערע געשעפֿטן און וואו זייערע האָפֿנונגען האָבן זיי ניט אָפּגענאַרט. די יוגנט, וואָס פֿלעג זיך לערנען אין בערלין, פֿלעג מערסטנטיילס שוין פֿאַרבלייבן דאָ, פֿילנדיק מיט איר געווירשנטן פּראַקטישן חוש, אַז אינם גרויסן בערלין קאָן מען האָבן בעסערע און רייכערע ערפֿאָלגן ווי אין דער פּראָווינציעלער פּויזן. ניט ווייניק האָט אויך מיטגעהאָלפֿן דאָס, וואָס דער נאַציאָנאַלער קאַמף צווישן די דייטשן און פּוילן האָט אַזוי פֿאַרסמט די אַטמאָספֿער אינם דאָזיקן קאַנט, באַזונדערס פֿאַר די יידן, וועלכע זיינען דאָ געווען צווישן דעם האַמער און קאָוואַדלע, אַז ווער ס'האָט נאָר געהאַט אַ מעגליכקייט זיך אַרויסכאַפּן פֿון דאָרט פֿלעגט זייער גערן דאָס טאָן. די יידישע אויסוואַנדערער פֿון פּויזן פֿון ערשטן פּעריאָד, פֿון וועלכע אַ גאָר באַדייטנ-דיקער טייל איז געגאַנגען קיין אַמעריקע, „זיינען געווען מערסטנטיילס פּראָלעטאַריער, יידישע בעלי-מלאכות, וועלכע פֿלעגן איבערלאָזן פֿאַר די פּוילן די מלאכות, וואָס האָבן

[49]) Dr. S. Neumann: Die Fabel von der jüdischen Masseneinwanderung. Berlin. 1880. S. 7.

[50]) דאָס ציטירטע בוך ז. 137.

געגעבן זייער קלײנע פּאַרדינסטן״ [51]. „אויב שוין פֿריער האָט די גרויסע קאָנקורענץ אַ געוויסן טייל פֿון דער ײדישער באַפעלקערונג אַרויסגעשטויסן, האָט זיך ערשט נאָך דעם יאָר 1848, ווען די ײדן לויטן געזעץ פֿון 6־טן אַפּריל זײַנען געוואָרן גלײַכ־באַרעכטיקט מיט די קריסטן, אָנגעהויבן אַ גרויסע אָפּוואַנדערונג פֿון ײדן קיין מערב און קיין צפֿון־אַמעריקע״ [52]. אָבער אויך פֿאַר דער רעוואָלוציע פֿון 1848 איז געגאַנגען אַ באַדייטנדיקע אויסוואַנדערונג פֿון פּויזן, דער עיקר קיין אַמעריקע און נאָר ווייניק קיין בערלין. פֿאָלגנדיקע דאַטן ווײַזן, ווי גרויס ס׳איז געווען דער אָנטייל פֿון די פּויזענער ײדן אין דער ײדישער אייסוואַנדערונג פֿון גאַנץ פּרײַסן אין די יאָרן, וועלכע אינטערעסירן אונז דאָ באַזונדערס.

לויט די אויסרעכענונגען פֿון ד״ר נײמאַן איז געווען בײַ ײדן מער אויסגעוואַנדערטע פֿון פּרײַסן ווי אײַנגעוואַנדערטע: פֿאַר די יאָרן פֿון 1843 ביז 1852 — 9972. אין דעם האָט זיך פּויזן אַם שטאַרקסטן באַטייליקט. פֿון 1843 ביז 1846 איז געווען בײַ די פּרײַסישע ײדן מער אויסגעוואַנדערטע ווי אײַנגעוואַנדערטע — 3210 נפֿשות; פֿון זיי פֿון פּויזן — 2711 אָדער 84,4%. און מען קאָן אָננעמען, אַז דאָס איז געווען בערך דער פּראָצענט פֿון די פּויזענער ײדן אין דער אויסוואַנדערונג פֿון פּרײַסן אין יענע יאָרן. ס׳האָבן אויסגעוואַנדערט פֿון פּויזן [53]:

1835—43	. . . . . .	4420 ײדן
1844—46	. . . . . .	3309 „
1847—49	. . . . . .	5879 „
1850—52	. . . . . .	5413 „
		19021 ײדן

אמת, ניט אַלע פּויזענער ײדן האָבן אַפֿילו דעמאָלט אויסגעוואַנדערט מחוץ פֿון דײַטשלאַנד — מען איז שוין דעמאָלט געפֿאָרן פֿון פּויזן קיין בערלין און אויך אין אַנדערע גרויסע שטעט פֿון דײַטשלאַנד. די דאָזיקע איבערוואַנדערונג אָבער פֿון פּויזן אין אַנדערע טיילן פֿון דײַטשלאַנד האָט דעמאָלט אויסגעמאַכט ניט קיין גרויסן פּראָצענט פֿון דער פּויזענער אויסוואַנדערונג, און מען קאָן רואיק אָננעמען, אַז פֿון די 19 טויזנט ײדן, וואָס האָבן אויסגעוואַנדערט פֿון פּויזן פֿאַר דער צײַט פֿון 1835 ביז 1852, זײַנען דרײַ פֿערטל אַרויסגעפֿאָרן פֿון דײַטשלאַנד — דער גרעסטער טייל קיין אַמעריקע און די איבעריקע קיין לאָנדאָן און פּאַריז.

מיר האָבן שוין פֿריער געוויזן, אַז די ײדן האָבן זיך באַטייליקט הן אין דער אויס־וואַנדערונג פֿון גאַנץ פּרײַסן און הן אין דער אויסוואַנדערונג פֿון פּויזן אין אַ סך אַ

51) Zizlaf, Vosberg, Karpinsky, Preußische Städte des polnischen Nationalitätenkampfes. Schriften des Vereins für Soziale Politik. 119 Bd. T. I. Leipzig. 1900. S. XV.

52) דאָרטן, ז׳ 150.

53) Kalender und Jahrbuch für jüdische Gemeinden Preußens. Berlin 1859. S. 165—171. Dr. S. Neumann: Die Fabel von der jüdischen Masseneinwanderung. Berlin. 1880. Anhang. S. 36.

גרעסערער מאָס ווי ס'קומט אויס אויף זייער חלק לויט זייער פּראָצענט אין דער באַפעלקערונג. פאָלגנדיקע דאַטן ווייזן וואָסער אַ פּראָצענט פונם נאַטירליכן צוואַקס האָט אויסגעוואַנדערט בײַ ייִדן און ניט־ייִדן אין פּרייסן פאַר דער צײַט פון 1843 ביז 1870, ביז דער צײַט ווען די ייִדישע אויסוואַנדערונג פון דײַטשלאַנד האָט אָנגעהויבן שטאַרק פאַלן.

דער פּראָצענט אויסגעוואַנדערטע לגבי דער נאַטירליכן צוואַקס אין פּרייסן (1843—1871) *).

יאָרן	בײַ דער גאַנצער באַפעלקערונג	בײַ ייִדן
1843—46	—**)	27,8
1846—49	27,0	40,4
1849—52	5,5	36,7
1852—55	24,3	34,8
1855—58	0,5	34,3
1858—61	—**)	5,9
1861—64	—**)	42,3
1864—67	22,2	92,7
1867—71	25,4	24,8
1843—71	8,7	36,0

*) אויסגערעכנט אויפן יסוד פון די טאַבעלן, וואָס ווערן געבראַכט אינם אויבן־ציטירטן בוך פון ד״ר ניימאַן אין דער בײַלאַגע.

**) אײַנגעוואַנדערטע מער ווי אויסגעוואַנדערטע.

ייִדן האָבן פאַרלאָרן פיר מאָל מער דורך אויסוואַנדערונג, ווי די אַרומיקע ניט־ייִדישע באַפעלקערונג. בײַ ניט־ייִדן זײַנען געווען יאָרן, ווען די אײַנוואַנדערונג האָט געדעקט די אויסוואַנדערונג מיט אַ מותר, און בײַ ייִדן איז ניט געווען קיין איין יאָר אַזאַ.

ביז אַהער האָבן מיר אָפּערירט מער אָדער ווייניקער מיט ציפערן. לײַדער, וועגן דער ייִדישער אויסוואַנדערונג פון אַנדערע טײַלן פון דײַטשלאַנד צו יענער צײַט, וועלכע מיר באַטראַכטן דאָ דער עיקר, פאַרמאָגן מיר כמעט גאָר קיין דאַטן ניט. מיר זײַנען געצוואונגען זיך נוצן מיט אַנדערן מאַטעריאַל, וועלכער באַלויכט די דאָזיקע פראַגע. דער דאָזיקער מאַטעריאַל האָט דעם חסרון, וואָס ער גיט ניט קיין אַלגעמיינע פאַרשטעלונג וועגן דער גרויס פון דער עמיגראַציע אַלס גאַנצעס; ער האָט אָבער אַ מעלה, וואָס ער גיט אַ קלאָר, לעבעדיק בילד, ווי די אויסוואַנדערונג האָט אַרומגעכאַפּט פאַרשיידענע טײַלן פון דײַטשלאַנד, ווי זי האָט אָפּט אויסגעליידיקט גאַנצע קהלות — אַ בילד, וואָס דערמאָנט אונז אַזוי די שפּעטערדיקע תקופה פון דער בהלה־עמיגראַציע פון רוסלאַנד.

אין די „איזראַעליטישע אַנאַלן" פון 1839 לייענען מיר:

„ביז אַהער האָבן מיר געלייענט אָפטע באַריכטן וועגן עמיגראַציע פון ייִדן אין די צפון-אַמעריקאַנישע פרייע שטאַטן נאָר פון שכנותן בייערן. איצט קאָן איך אייך דאָס זעלבע דערציילן פון אַ געמיינדע אין ווירטעמבערג. כאָטש די סיבות פון דער אויסוואַנדערונג און בכלל די לאַגע איז דאָ אַנדערש. לעצטן זונטאָג האָבן אויסגעוואַנדערט אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַריין פון דער געמיינדע יעבענהויזן, וואָס ליגט אַכט שעה פון שטוטגאַרט, זעכציק ייִדישע נפשות, אַריינגערעכנט עטליכע בחורים, וואָס זיינען אַוועקגעפאָרן פריער מיט איניקע וואָכן. אויפ'ן וואָקזאַל איז געקומען אַ גרויסע צאָל מענטשן פון נאָענט און ווייט זיך געזעגענען. קיין איין אויג איז ניט געבליבן טרוקן; אַ שווערער ווייטאָג האָט אַרומגעכאַפּט אַלע הערצער, ווייל דאָס מאָל זיינען ניט געפאָרן יונגע בחורימלאַך, נאָר זעקס טאַטעס פון פאַמיליעס מיט ווייבער און קינדער. ס'האָט פשוט פאַרכאַפּט פאַרן האַרצן, ווען מען האָט געזען, ווי אַ אַלטער אַכציקיאָריקער זקן, ביי וועמען עלף קינדער פון צוועלף האָבן אויסגעוואַנדערט, האָט זיך געזעגנט מיט זיינע דריי קינדער און 14 אייניקלאַך, פון וועלכע דער קלענסטער איז אַלט געווען דריי חדשים. די סיבה פון דער אויסוואַנדערונג באַשטייט אין דעם, וואָס שוין באַלד דרייסיק יאָר פאָרן ייִדן פון דאַנען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, מאַכן דאָרטן אַ גוט לעבן און טרעפן דאָרטן בעסערע באַדינגונגען פאַר זייער אַרבעט — די דאָזיקע רופן צו זיך זייערע קרובים, שיקן זיי געלט אויף רייזע-הוצאות, און כ'איז פאַר זיי שוין אַליין צוגעגרייט פון יענער זייט ים צו זייער אָנקומען. די אָרטיקע קהלה האָט ביי 500 נפשות. אַזוי ווי ביז איצט זיינען שוין אַרויסגעפאָרן 92 נפשות, קומט אויס, אַז ביי אַ פינפט חלק פון דער קהלה האָט אויסגעוואַנדערט[54].

מיר וועלן ווייטער ברענגען גענויערע ידיעות וועגן דעם דאָזיקן שטעטל אין ווירטעמבערג, וואָס האָט אַוועקגעשיקט קיין אַמעריקע מער ייִדישע נפשות, ווי ס'איז געבליבן אויפן אָרט — פון דער געבראַכטער קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע באַשרייבט איינגעטליך דעם סאַמע אָנהויב פון דער אויסוואַנדערונג-בהלה, ווערן מיר שוין געוואויר, אַז אַ קהלה האָט אַוועקגעשיקט אַ גאַנץ פינפטל פון איר ייִדישער באַפעלקערונג; מיר זעען אויך שוין די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער ייִדישער אויסוואַנדערונג אין דער גאַנצער וועלט — איר פאַמיליע-כאַראַקטער, איר משפחה-צוזאַמענגעבונדנקייט. כ'איז מעגליך, אַז ניט דרייסיק יאָר גייט די אויסוואַנדערונג פונם קאַנט קיין אַמעריקע; אַלנפאַלס אין יאָר 1839 איז די עמיגראַציע ניט געווען גאָר קיין נייע איבעראַשנדיקע דערשיינונג. פאַרקערט ס'פילט זיך, אַז מען איז שוין צוגעוואוינט צו דעם דאָזיקן אָפרייסן שטיקער פון קהלות דורך עמיגראַציע און אַז די אויסוואַנדערונג איז איינער פון די פאַקטאָרן, וועלכער ווערט שוין גענומען אין חשבון, וועלכער שפּילט ניט קיין קליינע ראָלע אין לעבן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג — פון אַמעריקאַ קומט אָן געלט און מסתמא ניט נאָר אויף רייזע-הוצאות.

און אָט איז אַ באַשרייבונג, וואָס ווייזט אונז די אויסוואַנדערונג-שטימונגען און וואַנדערונג-שטראָמען אין די ריינישע פּראָווינצן:

---

[54]) «Israelitische Annalen», Frankfurt a. Main. 1839. S. 213—14.

„דער אויסוואַנדערער־חשק האַלט בײַ די ייִדן פֿון אונזער קאַנט אין איין וואַקסן און האָט, דוכט זיך, שוין דערגרייכט זײַן העכסטע מדרגה. כמעט אין יעדער קהלה גרייטן זיך אַ סך פֿאַרלאָזן אין נאָענטן פֿרילינג דאָס פֿאָטערלאַנד און קלײַבן זיך זוכן מזל און גליק מעבר לים; די גרעסטע צאָל אַוועלכע זיינען פֿאַראַן אין א י כ ע נ ה ו י ז ן, וואָס איז די גרעסטע קהלה און פֿאַרמאָגט בערך ביז 200 ייִדישע פֿאַמיליעס. אויב מײַנע אינפֿאָרמאַציעס זיינען ריכטיק, קלײַבן זיך אין דער דאָזיקער שטאָט אַליין זעכציק מענשן אויסוואַנדערן און צו זיי זאָלן צושטייען בײַ 20 אויסוואַנדערער פֿון אָ ס ט ע ר ב ע ר ג (אַ אַלטע און אָרימע ייִדישע געמיינדע מיט קוים 25 ייִדישע משפּחות, וואָס געהערט צום ראַבינאַט פֿון דער שטאָט אַ ל ט ע נ ש ט אַ ד ט).

„דאָס אויסוואַנדערן איז בײַ אונז אייגנטליך ניט קיין נײַעס, כאָטש ס'איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי שטאַרק און אַזוי אַלגעמיין. מען איז בײַ אונז פֿון לאַנג שוין געוואוינט, אַז יונגע בחורימלאַך, וועלכע האָבן תמיד מיט'ן וואַנדער־שטאָק אין דער האַנט זיך אַרומגעשלעפּט איבער דער וועלט, זאָלן די לעצטע צייט זיך באַזעצן אין פֿרעמדע לענדער, ווײַל אין דער אַלטער היים איז ניטאָ קיין האָפֿענונג זיך אײַנ־אָרדנען (חוץ דעם צוואַנג פֿון די צעכן זיינען בכלל די פּראָפֿעסיעס אין די דערפֿער און שטעטלאַך שטאַרק איבערפֿילט). אויך אָרימע מיידלאַך פֿלעגן פֿון לאַנג אָן אַלע יאָר אָפּפֿאָרן פּאַרטיעס־ווײַז קיין איטאַליע, וואו זיי פֿלעגן זיך אנשטעלן פֿאַר דינסטן בײַ ייִדן און אַ סך פֿלעגן שוין דאָרטן פֿאַרבלײַבן. איצט־ישע איז דער אײַנ־ציקער ציל פֿון אַלע וואָס ווילן זיך אָפּגעזעגענען מיט דער אַלטער היים, נאָר צפֿון־אַמעריקע, פֿון וואַנען ס'קומען אָן פֿון די פֿרייער אַוועקגעוואַנדערטע זייער גוטע ידיעות, באַגלייט אָפֿט מיט זייער וואָגיגע קלינגנדיקע ראיות פֿון זייער גוטן מצב. און דער וועג אַהין איז אַזוי דורכגעלייגט, דער גלויבן אין געזיכערטן מעמד דאָרטן אַזוי פֿעסט, אַז ניט נאָר פֿאַרקנסטע און יונגע מענשן, נאָר אויך שוין עלטערע באַווײַבטע ייִדן, יאָ, אַפֿילו פֿאַמיליעס מיט אַ סך קינדער גרייטן זיך אין וועג אַרײַן, פֿאַרקויפֿן אויס זייער האָב און גוטס און לאָזן אַלע זייערע האָפֿענונגען אויפֿן ים און אויף דעם ווייטן וועלט־טייל, וואָס פֿון יענער זייט ים.

„ס'איז אַ אַנדער פֿראַגע, צי דאַרף מען אַלע, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט דער דאָזיקער אידעע, ראַטן צו פֿאָרן תיכּף — אַ פֿראַגע, אויף וועלכע איך וואָלט ניט באַלד געענטפֿערט פּאָזיטיוו. ס'ווײַזט מיר אַפֿילו אויס ניט אומבאַגרינדעט די מורא, אַז די האָפֿענונג צו טרעפֿן אין אַמעריקאַ אַ גן־עדן פֿאַר זיך, וואָס אַ סך יונגע מענשן האָבן זיך אין קאָפּ אַרײַנגענומען, קאָן פֿאַר זיי ווערן זייער שעדליך און אָפּשוואַכן זייער חשק אויסצובילדן זיך נאָך דאָ פֿאַר נוצליכע און פֿייאיקע מענשן. פֿאַר די דאָזיקע עלעמענטן איז אפֿשר ניט איבעריק צו דערמאָנען, אַז ווער ס'וויל אין דער נײַער וועלט זײַן מצב פֿאַרבעסערן, דאָס הייסט זײַנע כּחות און פֿייאיקייטן אומגעשטערט אויסנוצן (אויף מער דאַרף קיינער ניט האָפֿן!), מוז פֿריער אין דער אַלטער היים זיך גוט צוגרייטן און ווער ס'טויג דאָ ניט צו גאָר ניט, דער וועט דאָרטן אויך בלײַבן אַ שלים־מזל.

„ניט לאַנג האָט דער הער לעווענשטיין אין אַלטאַנשטאַדט באַקומען אַ בריוו פֿון

דאַבינער אין ריטשמאָנד אין ווירגיניען, וואו ס'האָט זיך באַזעצט די גרעסטע צאָל ייִדן, וועלכע האָבן פון אַלטערשטאַדט אויסגעוואַנדערט, מיט אַ ביטע צו שיקן אַהין: צוויי ספרי תורות, איין מגילה, אַ שופר און מחזורים. (די ספרי תורות זיינען שוין באַשטעלט). ס'האָט זיך געגרינדעט אין ריטשמאָנד ניט לאַנג אַ פאַראיין פון דייטשע ייִדן, וועלכע האָבן ביז אַהער געדאַוונט אין דער ספרדישער סינאַגאָגע, מיט'ן צוועק אויסצובויען אַ אייגענע שול לויטן נוסח אשכנז. אַלע איבערגעוואַנדערטע קלאָגן זיך אין זייערע בריף אויפן שרעקליכן אינדיפערעטיזם ביי די אַמעריקאַנער ייִדן"[55].

די דאָזיקע לאַנגע ציטאַטע איז, דוכט זיך, געוויס ווערט געווען געבראַכט צו ווערן — זי דערציילט אונז אַ סך טשיקאַווע און אינטערעסאַנטע זאַכן. ראשית, ווערן מיר געוואויר, אַז די ריינישע ייִדן, וואָס צוויי דריטל פון זיי האָבן געלעבט אויפן דאָרף דעמאָלט, האָבן צוגעשטעלט דינסטן פאַר די רייכערע איטאַליענישע ייִדן; און ניט נאָר דינסטמיידלאַך, נאָר אויך אַרבעטער-בעלי-מלאכות. דאָ ווערט באַשטעטיקט, אַז די אויסוואַנדערונג האָט זיך אָנגעהויבן ניט אין לעצטן צענדליק יאָר פאַר דער ייִדישער עמאַנסיפּאַציע, נאָר מיט אַ סך יאָרן, יעדנפאַלס מיט 10—15 יאָר פריער. אויך דאָ ווערט פאַר אונז קלאָר, אַז די ערשטע עמיגראַנטן האָבן געמאַכט אַ גוט לעבן און האָבן דאָס דערוויזן מיט גאַנץ וואָגיקע ראיות — מיט די מטבעות, וואָס זיי האָבן צוגעשיקט. און ענדליך איך דאָ מאַכן אויס די אויסוואַנדערער אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג — דאָס הייסט, די אויסוואַנדערונג האָט געמוזט האָבן אַ גרויסע ווירקונג אויף דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די איבערגעבליבענע.

אין די געבראַכטע קאָרעספּאָנדענציעס רעט זיך ניט בפירוש וועגן די סיבות, וואָס טרייבן צו אויסוואַנדערן, אָבער ס'איז קלאָר, אַז זיי זיינען דער עיקר עקאָנאָמישע.

גייט מען איבער צו דער אויסוואַנדערונג פון בייערן, וועלכע האָט געגעבן נאָך פון די גרעסטע צאָל אויסוואַנדערער, הערט מען שוין אַ סך מער קלאָגן אויף רעכטלאָזיקייט, אויף פּאָליטישע רדיפות, אויף רעכטליכע צוואַנגען, וואָס לאָזן ניט פריי זיך באַוועגן און פריי זיך אויסקלייבן אַ באַשעפטיגונג. לויט די אויסרעכענונגען פונם בייערישן סטאַטיסטישן אַמט האָבן פון בייערן אויסגעוואַנדערט פאַר די יאָרן פון 1840 ביז 1871 פון 20 ביז 25 טויזנט ייִדן. פאַר די יאָרן פון 1840 ביז 1852 האָבן אויסגעוואַנדערט פון בייערן מער פון צען טויזנט ייִדן[56], געוויס קיין אַמעריקע.

דער באַקאַנטער רייזנדער בנימין[57] שרייבט, אַז די איינוואַנדערונג פון די דייטשע און פּוילישע ייִדן קיין אַמעריקא האָט זיך אָנגעהויבן אין 1836 — ער מיינט, פאַרשטייט זיך, אַ מאַסן-איינוואַנדערונג, ווייל קליינע גרופּקעלאַך דייטשע און אויך פּוילישע ייִדן זיינען נאָך פריער געווען אין פאַרשיידענע שטעט פון צפון-אַמעריקע. בנימין מיינט, אַז בייערן, וואו ס'האָבן געהערשט צו יענער צייט די ערגסטע פרעה-געזעצן און ייִדן האָט זיך געלעבט שווערער ווי אין אַלע איבעריקע טיילן פון דייטשלאַנד,

55) «Israelitische Annalen», Frankfurt a. Main. 1840. S. 73—74.

56) זע ד"ר ס. ניימאַן אין ציטירטן בוך — די פאַבל א. א. וו., ז. 13.

57) Drei Jahre in Amerika, 1859—62. Von I. I. Benjamin, Hannover. 1862.

האָט געגעבן די גרעסטע צאָל איינוואַנדערער קיין אַמעריקע. ער שרייבט ווייטער, אַז „די ערשטע יידישע איינוואַנדערער זיינען געווען בעלי-מלאכות, וועלכע האָבן מיט שווערן שוויים פאַרדינט זייער ברויט“ [58], פשוטע בעלי-מלאכות פון קליינע שטעטלאַך, וועלכע האָבן געהאַט זייער ווייניק בילדונג און נאָך ווייניקער געלט. חוץ די בעלי-מלאכות זיינען געפאָרן אויך אַנדערע קלאַסן יידן און ער באַשרייבט אַזוי דאָס אויפקומען פון דער יידישער האַנדל-בורזשואַזיע אין אַמעריקע:

„די פון פריער אָנגעקומענע לאַנדסלייט, וועלכע האָבן געדינט אין געשעפטן פאַר משרתים, האָבן געהאָלפן די ניי-אָנגעקומענע מיט עצות און מעשים, האָבן זיי געהאָלפן באַקומען סחורה און קרעדיט און האָבן זיי געראַטן זיך לאָזן אויפן דאָרף „פעדלען“, ד. ה. גייען הויזירן. דאָס האָזיקע געשעפט איז אין אַמעריקע ניט קיין בזיון — דער אַמעריקאַנער האָט תמיד זיך דערמיט פאַרנומען, און דער פאַרמער, וועלכער האָט נאָך דעמאָלט ניט געקאָנט באַקומען די נויטיקע סחורות נאָענט, האָט גערן געצאָלט דעם פעדלער אַ גוטן מקח און האָט אים זייער פריינדלעך אויפגענומען.

„דער יידישער איינוואַנדערער מיט זיין געווינטן מסחר-חוש האָט זיך מיט גרויס חשק געוואָרפן אויפן האָזיקן געשעפט און איז געווען גליקלעך, וואָס אויף די וועגן האָט ער ניט געטראָפן קיין דייטשע זשאַנדאַרמען, וועלכע זאָלן אים פאַרביטערן זיין לעבן. די פעטע פרנסה האָט געשטאַרקט דעם חשק; אין עטליכע וואָכן אַרום זיינען שוין געווען אָפּגעשפּאָרט די ערשטע הונדערט דאָלער; די חובות זיינען שוין געווען אָפּגעצאָלט און דער קרעדיט איז געוואַקסן. אָט אַזוי איז מען געוואַקסן; מען האָט באַלד באַקומען פערד און וואָגן, כדי דאָס געשעפט גרעסער צו מאַכן.

„די פרנסה איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג און פון דעם פאַרדינסט האָט מען געשיקט, אַלס סימן פון ליבע און גליקלעכן אָנהויב אין נייעם לאַנד, אונטערשטיצונג די אַלטע אָרימע עלטערן; אַנדערע סומען פלעגן געשיקט ווערן גוטע פריינד אויף רייזע-הוצאות. אָט די האָזיקע ערשטע בריוו און געלטער זיינען געווען די בשורה-ברענגער פון פרייהייט, און די אויסוואַנדערונג איז אומגעהויער געוואַקסן.

„דער נאָמען פון „דייטשע יידן“ האָט געהאַט אַ גוטן שם צווישן די אַמעריקאַנער אימפּאָרטערן, פאַבריקאַנטן און גרויס-הענדלער; קרעדיט און הכנסה זיינען געוואַקסן, און אין עטליכע יאָר אַרום זיינען די איינגעוואַנדערטע אָרימע בעלי-מלאכות שוין געווען איבעראַל געשעצטע רייכע סוחרים און קרעמער אינם נייעם לאַנד. אין צפון און מזרח, אין דרום און אין מערב זיינען אויפגעקומען אַסך יידישע פירמעס, פילע אימפּאָרט-פירמעס אין ניו-יאָרק, גרויסע געשעפטן אין פילאַדעלפיע, באַלטימאָרע, ציניצינאַטן, סט.-לואי, שיקאַגאָ, ניו-אָרלעאַן, סאַן-פראַנציסקאָ און טויזנטע בליענדיקע געשעפטן אין אַנדערע שטעט, שטעטלאַך און דערפער ווייזן, וואָס פאַר אַ ערפאָלג די יידן האָבן דאָ דערגרייכט אין 25 יאָר“ [59].

אין 1839 שרייבן די „איזראַעליטישע אנאלן“, אַז די טעג זיינען אַוועקגעפאָרן פון בייערן 86 יידישע פאַמיליעס קיין אַמעריקע און דערקלערט, אַז „נאָר דער קאַמף פאַר

---

[58] דאָרטן, ז. 47—45.

[59] דאָרטן, ז. 47.

בירגערליכע רעכט, וועלכע די יידן קאָנען זיך ניט דערוואַרטן, טרייבט זיי פון זייער פאָטערלאַנד". וועגן די שטימונגען ביי די בייערישע יידן פון יענער צייט באַקומען מיר אַ פאָרשטעלונג פון אַ קאָרעספאָנדענץ אין דער „אַלגעמיינער צייטונג דעס יודענטומס" פון מאַינץ:

„די פאָריגע וואָך האָבן זיך דאָ געזעצט אויפן שיף אויף פאָרן קיין אַמעריקע 200 בייערישע יידן. די דאָזיקע אויסוואַנדערער האָבן דא אָנגעוואָרפן זייער אַ טרויעריק בילד פון דער לאַגע פון די יידן אין בייערן, פאַר וועלכע ס'זיינען דאָ נאָר צוויי וועגן: אָדער ליידן און מוטשן זיך אין דער אַלטער היים אָדער אויסוואַנדערן. איינער פון די אויסוואַנדערער, וועלכער האָט אויך אינם דאָזיקן מאָמענט פון פאַרלאָזן זיין פאָטער-לאַנד ניט פאַרלאָרן זיין הומאָר, האָט געענטפערט אויף דער פראַגע, צי טראַכט ער ניט זיך אומקערן פון אַמעריקע קיין בייערן אַזוי: איך וועל אַזוי לאַנג זיך ניט אומקערן ביז אַמעריקע וועט ניט ווערן בייעריש"[60].

אויב אין די קאָרעספאָנדענצן פון ווירטעמבערג און ריין-געגנט הערט זיך און פילט זיך דער קרעכץ פון מענטשן, וואָס לויפן זוכן פרנסה, פילט מען, אַז פון בייערן זיינען געפאָרן מענטשן פאַרביטערטע, מידע פון די פאָליטישע קייטן, וועלכע האָבן אַזוי געשטיקט און געוואָרגן. מען דאַרף אָבער צוגעבן, אַז בייערן האָט געהאַט אַסך מער יידן, ווי אַנדערע פראָווינצן פון דייטשלאַנד און אַזוי ווי בייערן איז קיינמאָל ניט געווען פון די אינדוסטריעל אַנטוויקלטע פראָווינציעס, מוז מען אָננעמען, אַז אויך די עקאָנאָמישע לאַגע פון די דאָרטיקע יידן איז געווען אפשר שווערער, ווי ערגיץ אַנדערש אין דייטשלאַנד, חוץ, פאַרשטייט זיך, פויזן.

וואָס די אויסוואַנדערונג האָט אין יענע יאָרן באַטייט פאַר די דייטשע יידן ווערט קלאָר פון דער סטאַטיסטיק פון אַ קליינער יידישער געמיינדע יעבענהויזן אין ווירטעמ-בערג. די דאָזיקע קליינע קהלה האָט פאַרמאָגט יידן[61]:

אין	1778	31	נפשות.
„	1788	145	„
„	1798	178	„
„	1808	245	„
„	1818	324	„
„	1828	440	„
„	1838	537	„
„	1846	496	„
„	1862	392	„
„	1872	133	„
„	1891	52	„

[60] „אַלג. צייטונג דעס יודענטומס", 1845, ז. 346—47.

[61] Dr. A. Tänzer: Die Geschichte der Juden in Yebenhausen und Göppingen. Berlin-Stuttgart-Leipzig. 1927. S. 97.

אַט אין דער דאָזיקער קליינער טאַבעלע שפּיגלט זיך אָפּ די געשיכטע פון אַסך הונדערטע יידישע קהלות אין דייטשלאַנד — סוף 18־טן און אָנהויב 19־טן האָלטן זיי אין שטאַרקן וואַקסן אויפן חשבון פון אַ באַדייטנדיקן נאַטירלעכן צוּוואַקס און אַ צו־שטראָם פון די אַרומיקע דערפער: אין צווייטן פערטל פון דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט הויבט אָן די באַפעלקערונג פאַלן — זי וואַנדערט אויס אין אַ גרויסער מאָס קיין אַמעריקע און אויך אין די גרויסע שטעט פון דייטשלאַנד, אָבער די אויסוואַנדערונג מעבר לים שפּילט די הויפּטראָלע. די אויסוואַנדערונג ווערט שטאַר־קער נאָך דער רעוואָלוציע פון 1848 און צום סוף 19־טן יאָרהונדערט ברענגט זי צום פולשטענדיקן אונטערגאַנג פון די דאָזיקע קליינע קהלות, אָבער די לעצטע אויס־וואַנדערונג טראָגט שוין דער עיקר אַ כאַראַקטער פון איבערפאָרן אין די נאָענטע גרויסע שטעט. פאַר אונז איז דאָ אינטערעסאַנט דער פעריאָד פון ערב און באַלד נאָך דער דייטשער רעוואָלוציע. און אַט וואָסערע ווינקטיקע און ביז גאָר אינטערעסאַנטע דאַטן דער מחבר פון ציטירטן בוך ברענגט. פון 1830 ביז 1870 זיינען אויסגעוואַנדערט פונם שטעטל יעבענהויזן 329 יידן;[62] פון זיי:

קיין צפון־אַמעריקע	317 —	96,1%
„ פּאַריז	7 —	2,1%
„ איטאַליע	2	1,8%
„ אינדיע	2	
„ ענגלאַנד	1	
ס"ה	329 —	100,0%

אין די נאָענטע שטעט פון ווירטעמבערג זיינען אַרויסגעפאָרן פון 1849 ביז 1870 אַזעלכע פופציק נפשות. מען קאָן אַלזא אָננעמען, אַז דער עיקר איז מען דעמאָלט געפאָרן קיין אַמעריקע. און געפאָרן איז מען גאַנצע משפחות. אַט זיינען עטלעכע אינטערעסאַנטע ביישפּילן:

די אויסגעוואַנדערטע קיין אַמעריקע פאַמיליע אַרנאָלד האָט געהאַט 52 נפשות; פאַמיליע איינשטיין — 39 נפשות; פאַמיליע ראָזענהיים — 38 נפשות; פאַמיליע אָטענהיימער — 23 נפשות; ראָרבאַכער און בערנהיימער צו 12 נפשות. די דאָזיקע זעקס פאַמיליעס גיבן שוין מער פון אַ העלפט פון אַלע אויסגעוואַנדערטע.

ווער ס'האָט מיט זיינע אויגן געזען די רוסיש־פּוילישע שטעטלאַך, פון וועלכע אַסך האָבן סוף 19־טן און אָנהויב 20־טן יאָרהונדערט דורכגעמאַכט אַקוראַט דעם איינעם גלגול, וואָס מיר האָבן נאָר וואָס געזען ביי אַ שטעטל אין ווירטעמבערג, דער מוז ניט ווילנדיק מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן דער עקאָנאָמישער לאַגע און רעכטלעכן צושטאַנד פון די דייטשע יידן ערב דער רעוואָלוציע פון 1848 און פון די רוסישע יידן ערב דער רעוואָלוציע פון 1905.

[62]) דאָרטן, ז. 89.

די לאַגע פון די יידן אין די דייטשע פּראָווינצן פון עסטרייך, אַריינרעכנדיק בעמען און מערן, איז געווען זייער ענליך צו דער לאַגע אין דייטשלאַנד. מיר וועלן דעריבער זיך אָפּשטעלן בקיצור אויך אויף דער אויסוואַנדערונג פון דאָרטן.

אָט איז ביז נאָר אַ אינטערעסאַנטער בריוו פון פּראַג, וועלכער דעקט אויף די סיבות, וואָס האָבן געטריבן צו אויסוואַנדערן, ווייזט די עלעמענטן, וואָס האָבן די ערשטע גענומען דעם וואַנדערשטאָק אין דער האַנט און דערציילט אויך כאַראַקטעריסטישע זאַכן וועגן די שטימונגען, וואָס האָבן געהערשט אין געוויסע קרייזן פון דייטשישן יידנטום:

„אַ בריוו פון ניט לאַנג פון ניו-יאָרק איז לויט זיין אינהאַלט באַזונדערס פאַר בעמען אינטערעסאַנט. ער קומט פון אַ יונגען מאַן לעאָפּאָלד איידליץ, וועלכער האָט צוזאַמען מיט נאָך פיר חברים פאַרלאָזן בעמען נאָכדעם ווי זיי האָבן אַלע געענדיקט זייער טעכנישן שטודיום — זיי האָבן געהאָפט פון יענער זייט אָקעאַן דערגרייכן דאָס, וואָס אין דער אַלטער היים האָבן זיי געהאַט ווייניק האָפענונג צו דערגרייכן: באַקומען גלייכע רעכט פאַר גלייכע אַרבעט. וועגן דריי פון די דאָזיקע יונגע לייט, וועלכע געפינען זיך טיף אין לאַנד, כדי צו קויפן ערד, דערמאָנט מער ניט דער בריוו. כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס דער האַס קעגן דעם שאַכער-מאַכער, מיט וועלכן ער וואָלט זיך אין בעמען געמוזט פאַרנעמען, איז געווען די הויפּט אורזאַך, וואָס האָט אים געטריבן צו אויסוואַנדערן. פון אַכט בעמישע יידן, וועלכע געפינען זיך איצט אין ניו-יאָרק, פאַרנעמט זיך ניט קיין איינציקער מיט קליינהאַנדל. (איינער איז אַ מעדיצינער, דריי בעלי-מלאכות, צוויי טעכניקער און איינער האָט אַ אַגענטור)"[63]. ווייטער ווערט דערציילט, אַז די ניו-יאָרקער בעמישע יידן קלייבן זיך גרינדן אַ פאַראיין אויף העלפן די אַריבערגעקומענע בעמישע יידן זיך פאַרנעמען מיט בכבודיקע פרנסות און זיי זאָלן ניט דאַרפן כאַפּן זיך פאַרן קליינהאַנדל. דער פאַראיין זאָל העלפן די אימיגראַנטן ביים קויפן ערד אָדער ביים עפענען אַ וואַרשטאַט, און דער אַמעריקאַנער יונגער מאַן רופט די בעמישע יידן„ זיי זאָלן וואָס מער איבערוואַנדערן אין דער פרייער אַמעריקע.

אינם קומענדיקן יאָר — 1845 — מעלדעט מען דער צייטונג, אַז „פון אַ שטיק צייט פאָרן פון בעמען אַסך יידן קיין אַמעריקא"[64].

ניט נאָר קיין אַמעריקע איז מען אָבער געפאָרן. פון פאַריז און לאָנדאָן קומען אין די דייטש-יידישע צייטונגען ויצעקי-בריוו מיט בקשות אָפּהאַלטן די וואַנדערונג אַהין[65], ווייל די איינוואַנדערער קומען אָפּט אַן אַ גראָשן געלט און אָן שפּראַךקענטענישן און מוזן אויסגעהאַלטן ווערן אויף קהלישע געלטער, וועלכע קלעקן ניט. די קאָרעספּאָנדענטן זיינען מודה, אַז די דאָזיקע גרויסע שטעט ציען מיט רעכט צו צו זיך. דאָ האָט מען ניט נאָר פּאָליטישע פרייהייט, נאָר אויך גוטע אויסזיכטן זיך עקאָנאָמיש אַרויפאַרבעטן, און אַסך אַריינגעוואַנדערטע יידן האָבן טאַקי שוין זיך דער-

---

[63] „אַלג. צייטונג דעס יודנטומס", 1844 ז. 154.

[64] דאָרטן, 1845 ז. 628.

[65] זע, למשל, די קאָרעספּאָנדענציעס פון דער „אַלגעמיינע צייטונג דעס יודענטומס" 1847 ז. 675 און 33—731.

שלאָגן צו נאָר אַ הויכע מדרגה פון וואוילשטאַנד, אָבער די ערשטע צייט מוזן כמעט אַלע ניי־אָנגעקומענע אויסגעהאַלטן ווערן פון קהל, און די קהלשע פאָנדן זיינען אויסגעשעפּט און דער אָרטיקער עולם איז מיד צו געבן און געבן; חוץ דעם איז אַ רחמנות אויף די ארטיקע ארימע לייט, וועלכע וועלן מוזן בלייבן אָן שטיצע אויב די איינוואַנדערונג פון פרעמדע וועט ניט אויפהערן.

ווי די דייטשע יידן האָבן געשאַפן זייערע ערשטע געמיינדעס אין ניו־יאָרק און אין אַנדערע שטעט און ווי שנעל זייער וואוילשטאַנד איז געוואַקסן ווערן מיר געוואויר פון די קאָרעספּאָנדענציעס פון ד״ר ליליענטאַל אין דער „אַלגעמיינער צייטונג דעס יודענטומס", וועלכער שרייבט: „ביז צוריק מיט 10 יאָר האָט מען דא געזען זייער ווייניק דייטשן (געמיינט דייטשישע יידן י. ל.). די ערשטע איינגעוואַנדערטע זיינען געווען זייער אָרים. זיי פלעגן באַקומען אונטערשטיצונג און האָבן ניט געקאָנט פּרעטענדירן אָנערקענט ווערן (פון די ענגלישע יידן — י. ל.), ווייל זיי זיינען נאָך אויך געווען ווייניק באַקאַנט מיט גוטע דזשענטלמענישע מאַנערן. אָבער דער דייטש (דער דייטשישער ייד — י. ל.) האָט זיך אַדאַנק זיין פלייס, עקשנות, אַרבעט־חשק און מער פון אַלץ אַ דאַנק זיין שפּאָרזאַמקייט זיך אַרויפגעאַרבעט, אַזוי, אַז מיר זעען צווישן זיי מענטשן, וועלכע זיינען געקומען ווי בעטלער און איצט האָבן זיי גרויסע געשעפטן און אסך מזומן געלט" [66].

דערציילנדיק, אַז לכתחילה פלעגן קומען מער עמיגראַנטן פון בייערן, גיט ליליענטאַל צו, אַז נאָכדעם האָט אָנגעהויבן אָנקומען אַ גרויסע צאָל איינוואַנדערער פון פּרייסיש־פּוילן (פּויזן) און רוסיש־פּוילן און אַז איצט (1847) איז אין ניו־יאָרק שוין דאָ ניין קהלות מיט בערך 8—10,000 יידן. און אָט איז אַ לעבעדיק בילד פון די ערשטע טריט פון דייטשע און פּוילישע יידן אין ניו־יאָרק:

„מיר האָבן אין דער דאָזיקער שטאָט אַ גרויסע צאָל קרעמער, וועלכע האָבן געשעפטן, וואָס באַטרעפן 100 און 200 טויזנט דאָלאַר — און די דאָזיקע מענטשן האָבן צוריק מיט זעקס יאָר ביים אָנקומען קיין גראָשן אין קעשענע ניט געהאַט. זיי האָבן געטראָגן צו ערשט אויף די פּלייצעס אַ בינטל סחורה פון 100—120 פונט שווער דעם גאַנצן טאָג, כדי עפּיס פאַרדינען; אַז זיי האָבן שוין „עפּיס" פאַרדינט, האָבן זיי אָנגעהויבן פירן סחורה מיט אַ פערד און וועגעלע; שפּעטער האָבן זיי געעפנט קליינע קרעמלאַך אין די דערפער און איצט האָבן זיי געשעפטן אין ניו־יאָרק, וואָס ווערן געאַכטעט פון אַלע און האָבן גרויסע קרעדיטן" [67].

ליליענטאַל זאָגט, אַז מען וועט אים אפשר זאָגן, אַז אויך אין דייטשלאַנד קאָנען פייהיקע און פלייסיקע מענטשן זיך גוט אַרויפאַרבעטן, אָבער ער בעט געדענקען, וויפיל צוימען און שטערונגען ליגן אויפן לעבנס־וועג פון יידן אין דער אַלטער היים. ווייטער דערציילט ער, אַז אויך בעלי־מלאכות קאָנען זיך גוט איינאָרדנען אין אַמעריקע און די אַרבעט־פּרייזן זיינען דאָרטן הויכע און ניט איבער, אַז אין ציניצינאַטי נויטיקט מען זיך אין צווייהונדערט שוסטער. ער שרייבט:

---

[66] «Allgemeine Zeitung des Judentums», 1847. S. 21—24.

[67] דאָרטן.

„זאָלן די יידישע פאַמיליעס שיקן צו ערשט זייערע יונגע בחורים, אין וועלכע זיי זיינען זיכער, אַז זיי קאָנען גוט זייער פאַך און קאָנען איבערטראָגן די ערשטע אומפאַרמיידליכע שוועריקייטן — די דאָזיקע בחורים וועלן זיך באַלד שטעלן פעסט אויף זייערע פיס, וועלן באַלד אַריבערנעמען זייערע עלטערן און ברידער און שוועסטער, און אַלע וועלן זיין גליקליך" [68]. אין דעם זעלבן בריוו דערציילט ליליענטאַל, אַז די יידישע געמיינדעס גיבן זייער אַ סך צדקה, אַז אין ניו-יאָרק אַליין עקזיסטירן ביז צוואַנציק צדקה חברות און חוץ דעם שיקן אַלע אַ סך געלט אַהיים די אָרימע קרובים.

ד"ר ליליענטאַל דערציילט אַסך פּרטים פון דעמאָלטיקן יידיש-אַמעריקאַנישן לעבן, וועלכע זיינען זייער אינטערעסאַנט און כאַראַקטעריסטיש. אַזוי דערציילט ער וועגן געמישטע חתונות:

„די ערשטע דייטשישע יידן, וועלכע זיינען צוריק מיט 12—10 יאָר געקומען, האָבן זייער אָפט חתונה געהאַט מיט קריסטליכע אַמעריקאַנישע פרויען, וואָרום יידישע מיידלאַך זיינען געווען זייער ווייניק. יענע אַמעריקאַנקעס, וועלכע האָבן אָנגענומען דעם יידישן גלויבן, זיינען זייער פרומע יידישע ווייבער און היטן שטרענג אָפּ אַלע מנהגים. אין די פאַמיליעס אָבער, ווו די פרויען זיינען געבליבן קריסטנס, קומען פאָר זייער אינטערעסאַנטע פאַלן. אַזוי פרעגט אַ קליינע יידישע געמיינדע פאָלגנדע שאלה: אַ קריסטליכע פרוי האָט געבוירן איר יידישן מאַן אַ אינגל. דאָס אינגל איז געוואָרן געמל'ט, דער פאָטער איז אָבער באַלד אָפּגעפאָרן פון דער היים, און די מוטער האָט דאָס קינד אָפּגעטראָגן אין קלויסטער און עס געטויפט. דאָס קינד איז אינגיכן געשטאָרבן און די יידישע קהלה איז אין ספק, צי מעג מען דאָס דאָזיקע קינד באַגראָבן אויפן יידישן בית-עולם" [69].

ליליענטאַל דערציילט אין אַ צווייטער קאָרעספּאָנדענץ, אַז מיט דעם וואַקסן פון די יידישע קהלות ווערט די לאַגע פון די יידן, וועלכע האָבן פריער חתונה געהאַט מיט קריסטליכע פרויען, זייער ניט אָנגענעם און ער ברענגט די ידיעה, אַז די געמיינדע „שארית ישראל" האָט באַשלאָסן אויסשליסן פון דער סינאַגאָגע יעדן, ווער ס'האָט אַ קריסטליכע פרוי און אַזעלכע יידן ניט באַהאַלטן אויפן יידישן בית-עולם. וועגן אַ אַנדער פאַל דערציילט ער, אַז אַ ייד, וואָס האָט געהאַט זיבן קינדער מיט אַ קריסטין און אַלע קינדער זיינען געווען געיידישט, האָט די פרוי געמוזט אָננעמען דעם יידישן גלויבן, כּדי דער מאַן זאָל קאָנען בלייבן אַ גליד פון דער קהלה [70]. אינטערעסאַנט, וואָס ליליענטאַל, וועלכער קערט זיך זייער אָפט אום צו דער דאָזיקער, ווייזט אויס, אָנגעווייטאָקטער פראַגע פון חתונות מיט קריסטליכע פרויען, דערמאָנט ניט קיינמאָל וועגן שמד פון יידן. פאַרקערט, ער דערציילט, אַז פילע יידן, וואָס האָבן זיך אין דייטשלאַנד געשמדט, קערן זיך אין אַמעריקע אום צום יידנטום און טוען אמת תשובה.

אַז די לאַגע אינם אייננוואַנדערונג-לאַנד האָט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער מדרגה פון דער ווייטערדיקער אויסוואַנדערונג, איז קלאָר און נויטיקט זיך ניט אין קיינע פירושים.

---

[68] דאָרטן.
[69] דאָרטן, ז. 365.
[70] דאָרטן, ז. 381—82.

אין דעם פּרט האָבן די פּאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע כּמעט גאַנצע הונדערט יאָר ביי זעלטענע קורצע הפסקות געדינט ממש ווי אַ גן־עדן־לאַנד פאַר צענדליקע מיליאָנען מענטשן פון אייראָפּע און אין דעם כּלל אויך פאַר עטליכע מיליאָן ייִדן. ס'איז אָבער גאָר קיין ספק ניט, אַז אויך דאָס פאַרהאַלטן זיך פון דער אינטעליגענץ צו דער אויסוואַנדערונג־פּראָבלעם שפּילט אַ געוויסע ראָלע אינם פאַרגעם פון דער אויסוואַנדערונג. די דייטש־ייִדישע פּרעסע פון די פערציקער און פופציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט איז אין דעם פּרט געווען אַסך פרייער און ערליכער פון דער רוסיש־ייִדישער פּרעסע אין די אַכציקער יאָרן. קיין שום מורא פאַר באַשולדיגונגען אין ניט־פּאַטריאָטישקייט, קיין שום פּחד, אַז דאָס קאָן שטערן דעם קאַמף פאַר דער עמאַנציפּאַציע — און אָפן און ענערגיש ווערט געפּרעדיקט און גערופן אויסצוואַנדערן קיין אַמעריקע, ווו מען האָט שוין פולע פרייהייט, ווו מען מאַכט שוין אַ בעסער לעבן, ווען אין דייטשלאַנד דאַרף מען דערוויַיל אָפּקומען מיט האָפענונגען. און דער אַקטיווסטער עמיגראַציע־אַגיטאַטאָר איז געווען דער באַקאַנטער ד״ר ליליענטאַל, וועלכער שוין אין 1846 הויבט אָן זיין אַגיטאַציע פאַר אַ אויסוואַנדערונג פון אייראָפּע, באַזונדערס פון דייטשלאַנד און רוסלאַנד, קיין אַמעריקע. ער שרייבט דעמאָלט:

„איך שיק מיין ברודער־ און פריינד־גרוס פון ניו־יאָרק, פון דעם געבענטשטן פרייהייט־לאַנד, פון דעם שענעם אָרט פון פּאָליטישער גלייכבאַרעכטיקונג. ווי אַ חלום ווייזט זיך מיר אויס די אַלטע אייראָפּע מיט אירע באַגרענצונגען; ווי אַ ווייטע כמאַרע וויקלט אַרום מיין זכּרון דער ייִדן־האַס פון רוסלאַנד; אַוועק זיינען פון מיין אָנגעשראָקענער נשמה די געשטאַלטן פון רדיפות און נגישות — פריי אָטעמט די ברוסט, פריי שטרעבט דער גייסט אין דער הויך און פון שמחה און פון פרייד וואָלט זיך געוואָלט דער גאַנצער וועלט אַ האַרציקן קוש געבן!“[71]) און אין משך פון אַ סך יאָרן הערט ער ניט אויף רופן די ייִדן קיין אַמעריקא. די דייטשע רעוואָלוציע, וועלכע האָט ניט באַרעכטיקט די גרויסע האָפענונגען, וואָס מ'האָט אויף איר געלייגט, רופט אַרויס ביי ליליענטאַלן פאָלגנדיקע שמערצליכע און טרייסטנדיקע ווערטער:

„ווי קאָנען מיר האָבן פאַרטרויען, ווען מיר זעען, ווי באַלד נאָך דעם, ווי מען האָט פּראָקלאַמירט שטורמיש פרייהייט, יאָגט מען אייך און מען רודפט אייך, ראַבעוועט מען און מע מוטשעט אייך? ניין! די פרייהייט מוז זיין אַ פאָלקאָמענע, אַ אומבאַגרעניצטע, נאָר דעמאָלט קאָן מען זאָגן: זי איז דאָ! אָ, מע וועט אייך ווידער צווואַרפן אַ פרייהייטביינדל און דאָס פלייש וועט מען לאָזן פאַר זיך!

„קומט זשע צו אונז אַריבער! קומט צו אונז, איר אַלע, וואָס קאָנט נאָך אויסנוצן די צייט איידער מ'האָט ביי אייך צוגענומען אייער גאַנצן פאַרמעגן. העלפט אַנדערע אַריבערפאָרן, וועלכע האָבן ניט מיט וואָס צופאָרן! מיר מוזן אויך שווער אַרבעטן, כּדי אונזער ברויט פאַרדינען; אויך דאַ וואַלגערן זיך ניט אין די גאַסן עשירות און גליקן, אָבער ווי געשמאַק איז דאָס ברויט פון פרייהייט! קומט!“ [72])

---

[71]) „אַלג. צייטונג דעס יודענטומס“, 1846 ז. 18.

[72]) דאָרטן, 1848 ז. 420.

און אין אַ פּאָר יאָרן אַרום מאָלט ער אין העלע פאַרבן די גרויסע מעגליכקייטן פאַר די יידן אין אַמעריקע — ער חזרט איבער, אַז דאָס איז ביי אים ניט קיין יאוש־שטימונג, ווייל אין איראָפּע לעבט זיך יידן אַזוי שלעכט, נאָר אַ טיפע איבערצייגונג, וואָס נעמט זיך פון אַ גענויער באַקאַנטשאַפט מיט די רייכקייטן און אַנטוויקלונג־מעגליכקייטן פון אַמעריקע.

און כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס אויך ביי די דייטשע יידן זיינען אויפגעקומען דעמאָלט קאָלאָניזאַציע־פּלענער, דער עיקר ביי די פּויזענער יידן. וויבאַלד פּויזן איז געוואָרן אַ פּראָווינץ פון פּרייסן האָט מען זיך אַרומגעטראָגן אין די רעגירונג־קרייזן מיט פּלענער וועגן פאַרוואַנדלען די יידן אין נוצליכע פּראָדוקטיווע בירגער, אין בעלי־מלאכות און לאַנדווירטן. ס'זיינען געווען געמאַכט אויך אייניקע פּראָבעס קאָלאָניזירן יידן, וועלכע זיינען דורכגעפאַלן; איינצלנע יידישע פאַמיליעס האָבן דאָ און דאָרטן געקויפט ערד און טיילווייז די אַליין באַאַרבעט, טיילווייז מיט קריסטליכער אַרבעט־קראַפט. ערשט אין די פופציקער יאָרן, ווען די אויסוואַנדערונג פון פּויזן האָט אָנגענומען אַלץ גרעסערע און גרעסערע מאַסשטאַבן, האָט מען זיך נאָכאַמאָל אָנגעכאַפּט אין קאָלאָניזאַציע־פּלענער. דאָס מאָל איז שוין די איניציאַטיוו געקומען ניט מצד דער רעגירונג, נאָר מצד די פירער פון פּויזענער יידנטום.

דער רב פון פּויזן ש ל מ ה א י י ג ע ר, אַ זון פונם גאון רבי עקיבא אייגער, האָט אין 1844־טן יאָר זיך געווענדט צום קעניג פרידריך דעם פערטן מיט אַ מעמאָראַנדום, אין וועלכן ער האָט אויספירליך אויסגעלייגט אַ פּלאַן פון קאָלאָניזירן גרעסערע מאַסן יידן אין פּויזן, שאַפן קאָלאָניעס פאַר די יידישע בירגער, וועלכע ליידן הונגער און נויט און זיינען דעריבער געצוואונגען זוכן פּרנסה אין ווייטע לענדער. דער קעניג און די מיניסטאָרן האָבן צוגעזאָגט שטיצן דעם דאָזיקן פּלאַן. אין 1846 זיינען זיך צונויפגעקומען עטליכע אנהענגער פונם דאָזיקן פּראָיעקט און האָבן געגרינדעט אַ „צענטראַל־פאַראיין צו פאַרשפּרייטן יידישע קאָלאָניזאַציע". דער פּויזענער פּאָליציי־פּרעזידענט האָט אויך גענומען אָנטייל אין דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג פון פאַראיין און דאָס האָט געהייסן, אַז די אָרטיקע און צענטראַלע מאַכט זיינען גרייט צו העלפן פאַרווירקליכן די צילן פון דער נייער אָרגאַניזאַציע. מען האָט אויף דער קאָנפערענץ באַשלאָסן צוטרעטן גרינדן אַ יידישע קאָלאָניע און 7־טן אַפּריל 1846 האָט מען צעשיקט אַ אויפרוף צו די צענטראַלע יידישע געמיינדעס פון גאַנץ דייטשלאַנד. חוץ דעם האָט מען אין דער פּראָווינץ פּויזן צעקלעבט אין די בתי־מדרשים אַ אויפרוף העלפן פאַרווירקליכן די געפּלאַנטע גרינדונג פון אַ יידישער קאָלאָניע. די פּויזענער יידישע געמיינדעס האָבן זיך זייער וואַרעם אָפּגערופן. 21 קהילות האָבן אויף זיך גענומען יערליכע סובסידיעס אויך אַ סכום פון 1088 רייכסטאַלער; 24 קהילות האָבן ניט געוואָלט זיך אויף לאַנגע יאָרן פאַרבינדן און האָבן זיך מתחייב געווען דריי יאָר סובסידירן די אונטערנעמונג מיט 100 רייכסטאַלער יעדע. ס'זיינען געקומען אויך סובסידיעס־צוזאָגן פון אויסער פּויזן און אַפילו פון אויסלאַנד. און ס'האָבן אויך אָנגעהויבן אָנקומען בקשות פון יידן, וואָס ווילן זיך באַזעצן אויף ערד. אין אַ קורצע צייט

האָבן זיך געמאָלדן 1064 משפחות[73]) פון אינאָווראַצלאַוו — 231;[74]) פון ווערזשעניץ — 116; פון זאַמטער — 106 משפחות און אַנדערע[75]). ס'האָבן זיך געמאָלדן ניט נאָר אָרימע יידן, נאָר אויך יידן מיט קליינע קאַפּיטאַלן. צווי האָבן געהאַט צו 1200 טאַלער; 6 — צו 1000; 18 — צו 800; דריי — צו 700; עלף — צו 600 טאַלער; 16 — צו 500 טאַלער און א. וו. אינטערעסאַנט איז, וואָס כמעט אַלע, וואָס האָבן געוואָלט זיך באַזעצן אויף ערד, זיינען געווען בעלי־מלאכות. דעם 1־טן סעפּטעמבער פונם זעלביקן יאָר איז געווען אַ צוזאַמענפאָר פון פאַרטרעטער פון אַלע קהילות פון פּויזן און אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ זיינען די תקנות אָנגענומען געוואָרן און ס'זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אַלע פירנדיקע אָרגאַנען. פאַרן פאָרזיצער איז אויסגעקליבן געוואָרן דער רב אייגער, אָבער דער פאַראיין איז געשטאַנען אונטער דעם פּראָטעקטאָראַט פון אויבערפּרעזידענט פון פּויזן פאָן בויערמאַן און אין ראַט איז אַריין אויך דער פּאָליצײ־פּרעזידענט. די באַגייסטערונג איז געווען אַזאַ גרויסע, אַז אַפילו קריסטן האָבן געגעבן שטיצע דעם פאַראיין. גאַנץ קליינע אָרימע קהילות האָבן צוגעשיקט איינמאָליקע סובסידיעס און האָבן אַריינגעשטעלט אין זייערע בודזשעטן יאָרליכע סובסידיעס. דער געגרינדעטער פאַראיין האָט באַשלאָסן לכתחילה זיך פאַרנעמען מיט קאָלאָניזירן נאָר פּויזענער יידן, אָבער שפּעטער אַנטוויקלען זיין טעטיקייט און זי פאַרשפּרייטן אויך אויף אַנדערע טיילן פון דייטשלאַנד. יעדע קאָלאָניע האָט באַדאַרפט באַשטיין פון 20—30 משפחות, כדי מען זאָל קאָנען האָבן אַ בית־המדרש, אַ שוחט, אַ מוהל א. א. וו. די ערשטע פיר יאָר האָט דער קאָלאָניסט ניט געהאַט קיין רעכט דינגען קריסטליכע אַרבעטער; ערשט נאָך 15 יאָר באַאַרבעטן ווערט די ערד דאָס אייגנטום פון קאָלאָניסט. די רעגירונג האָט צוגעזאָגט געבן אין אַרענדע גוטע ערד און ביליק.

פון דער דאָזיקער גאַנצער באַוועגונג, וועלכע האָט שטאַרק אויפגערודערט די יידישע באַפעלקערונג, איז, ליידער, גאָר ניט געוואָרן. צוליב צווי טעמים: ערשטנס האָבן זיך גאָר גיך אָנגעהויבן די אויפשטאַנדן פון די פּוילן און די גאַנצע פּראָווינץ איז געווען פאַרכאַפּט פון רעוואָלוציאָנערן און נאַציאָנאַלן פלאַם; צווייטנס, האָט די רעגירונג ניט געהאַלטן וואָרט און האָט ניט מקיים געווען אירע הבטחות וועגן געבן גוט לאַנד אין אַרענדע פאַר קליינע פּרייזן[76]). אין 1850 איז דער פאַראיין ליקווידירט געוואָרן.

אויך אין אויבער־שלעזיע איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו צוציען יידן צו ערד־אַרבעט. אַ רייכער יידישער ערד־באַזיצער מיטן נאָמען בערלינער האָט 1848 אַרויסגעלאָזט אַ אויפרוף צו יידן, וועלכע ווילן זיך אָפּגעבן מיט לאַנדווירטשאַפט[77]). אינם אויפרוף ווערט געזאָגט, אַז דער גוט־באַזיצער וויל גרינדן אין זיין מאַיאָנטעק אין קירכבערג, קרייז פאַלקענבערג אַ יידישע קאָלאָניע פון 60 יידישע משפחות. יעדע פאַמיליע באַקומט פון דריי ביז זעקס מאָרג ערד. ווען די דאָזיקע קאָלאָניע, וועלכע

73) «Der Orient» 1846, S. 173-74; «Allg. Z. d. Judentums» 1846, S. 333.
74) L e w i n : Geschichte d. Juden in Inowrozlaw, S. 88.
75) Aus Vergangenheit und Gegenwart der Juden in d. Posener Landen von Dr. A. H e p p n e r und I. H e r z b e r g , 1904, S. 234-35.
76) דאָרטן.
77) «Allg. Z. d. Judentums» 1848, S. 432.

זאָל טראָגן מענדעלסאָנס נאָמען, זיך איינגעבן, וועט געגרינדעט ווערן נאָך אַ קאָלאָניע. די ניט פֿאַרמעגליכע וועלן באַקומען האָלץ און מאַטעריאַל אויף בויען אַ הויז, ציגל און אויך זריעה אויף קרעדיט. אָבער אַלע קאָלאָניסטן מוזן אַליין זאָרגן פֿאַר לעבעדיקן און טויטן אינווענטאַר, פֿאַר מזומנע הוצאות אויף בויען און זיך אויסהאַלטן ביז דער ערשטער גערעטעניש. כדי די גאָר אָרימע זאָלן אויך קאָנען ווערן קאָלאָניסטן לייגט דער דאָזיקער בערלינער פֿאַר די קהילות גרינדן אַ פֿאָנד אויף שטיצן אַזעלכע נויטבאַדערפֿטיקע.

מסתמא איז אויך פֿון דער דאָזיקער אונטערנעמונג גאָר ניט אַרויסגעקומען. ס'איז אָבער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די שטימונגען פֿון דער צייט — פֿון איין זייט די גרויסע נויט און די גרויסע אויסוואַנדערונג; פֿון דער צווייטער זייט די רעוואָלוציע מיט אירע פּראָגרעסיווע, טיילווייז סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע לאָזונגען. אין לעצטן פּרט איז ביז גאָר אינטערעסאַנט דער לייט-אַרטיקל פֿון דער אָפּט פֿון אונז ציטירטער „אַלגעמיינע צייטונג דעס יודענטומס" פֿון 1848. אינם דאָזיקן אַרטיקל שטייט געשריבן: „ווער ס'האָט אַ קלאָר אויג, דעם מוז מודה זיין, אַז אין דער נאָענטער צוקונפֿט וועלן נאָך פֿאָרקומען ווייטערע שנוים אין די סאָציאַלע פֿאַרהעלטענישן, וואָס וועלן האָבן אַ בלייבנדיקן ווערט. ניט מיר האָבן מורא, אַז די רוחות פֿונם קאָמוניזם און סאָציאַליזם זאָלן זייער הערשאַפֿט פֿאַרשפּרייטן איבער איראָפּע און זיך דורכטראָגן ווי גרויסע וואָלקנס, וועלכע אַ גרויסער שטורם ברענגט און טרייבט אַוועק, נאָר מיר מיינען, אַז די לאַגע פֿון די פֿאַרשיידענע שטאַנדן — פֿון נאַטירליכע שטאַנדן, וואָס ווערן אַרויסגערופֿן דורך די פֿאַרשיידענע באַשעפֿטיקונג — איז אַזאַ, אַז ס'מוזן קומען ערנסטע ענדערונגען. און מאַקי איבער דעם קוקן מיר מיט גרויס זאָרג אויף דער צוקונפֿט פֿון אונזערע גלויבנסגענאָסן און האַלטן פֿאַר אונזער חוב זיי אָפּט דערמאָנען, אַז זיי זאָלן זיך נעמען צו לאַנדווירטשאַפֿט, וועלכע איז די איינציקע, וואָס קאָן זיכערן די עקסיסטענץ. מיר ווילן דעריבער נאָר פֿאָלגנדיקס זאָגן: די חברות און פֿאַראיינען, וואָס האָבן ביז איצט זיך פֿאַרנומען מיט פֿאַרשפּרייטן מלאכה צווישן יידן, זאָלן זייער אויג ווענדן אויף דער לאַנדווירטשאַפֿט"[78].

מיר האָבן דורכגעפֿירט פֿאַרן לעזער אַ בלעטל יידישע געשיכטע, וואָס האָט זייער אַסך שותּפֿותדיקע שטריכן מיט אונזער צייט. אמת, מיר לעבן אין אַ גאַנץ אַנדערער אַרומיקער וועלט, ווי אונזערע עלטערן פֿון דער ערשטער העלפֿט פֿון 19-טן יאָרהונדערט. אָבער דאָס אַליין מוז אויך אַרויסרופֿן ביי אונז זייער טרויעריקע געדאַנקען — די וועלט האָט זיך ביזן גרונט געענדערט און מיר מאַטערן זיך נאָך מיט די זעלביקע ווייטאָג-פֿראַגן און צרות-פּראָבלעמען, וואָס צוריק מיט הונדערט יאָר.

78) «Allg. Z. des Judentums», 1848, S. 426. אונטערשטראָכן פֿון מיר — י. ל.

אינהאַלט:

זייט

הקדמה 3

I. די עקאָנאָמ׳שע אַנטוויקלונג פון יידן אין דער ערשטער העלפט פון 19-טן יאָרהונדערט און די אָנהויבן פון יידישער אויסוואַנדערונג 5

II. די גרויסע נויט אין רוסלאַנד און די פּראָיעקטן אַרויסנעמען אַלע יידן פון רוסלאַנד און זיי קאָלאָניזירן אין אַמעריקע 13

III. די רייזע פון אַ פּראַנצויזישן יידן קיין פּעטערבורג צו „קויפן יידן“ ביי ניקאָלאַי דעם ערשטן 32

IV. אַ פּראָיעקט פון אַ פּוילישן פילאָזאָף גרינדן אַ יידישע רעפּובליק אין רוסלאַנד 38

V. די אויסוואַנדערונג פון דייטשע יידן און די קאָלאָניזאַציע-פּלענער אין פּויזן 51